# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn No. 37, May 1964 - Entire Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4gr600dw

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 37(1)

### Publication Date
1964

### Copyright Information
Copyright 1964 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

## 10־טער יאָר

# 37

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד




ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

אייר, תשכ״ד — מאַי, 1964

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| י. פ.: מזל־טוב! צום צענטן יובל־יאָר פון „חשבון" | 3 |
| לייב פיינבערג: אין טאָג פון הונדערט מעגאַטאָן (פּאָעמע) | 6 |
| מאַטעס דייטש: איוב שערבלעך. . (דימיאָנעט) | 8 |
| אהרן ניסענזאָן: „לאָמיר" (ליד) | 12 |
| צבי שטאָק: לוי גאָלדבערג—אַ בן־שבעים (וועגן „פּירות אויף מיין בוים") | 13 |
| לוי גאָלדבערג: גרויסשטאָט אין אַ שטורעם; ווי אַ מתפּלל (לידער) | 15 |
| פּינטשע בערמאַן: די באַלאַדע פון אַן אַלטן בוים (ליד) | 16 |
| ישראל גובקין: די בערג און איך; און די זון גייט אויף (צוויי עלעגיעס) | 18 |
| הערץ בערגנער: זיי זיינען ניט שולדיק (דערציילונג) | 19 |
| רקודה פּאָטאַש: מזל ניסן (ליד) | 24 |
| י. פרידלאַנד: מיט דעם רבינס כוח (דערציילונג) | 25 |
| משה עטינגער: ספקות (ליד) | 31 |
| נח גאָלדבערג: דור הולך ודור בא (דערציילונג) | 32 |
| יהושע ריווין: לאָז עפּעס איבער (ליד) | 40 |
| ח. מ. ראַטבלאַט: חשבון הנפש (עסיי) | 41 |
| אברהם גאָלאָמב: יעקב זינגער—„דער יונגער דזשייקאָבס" | 45 |
| אריה פּאָזי: לייענענדיק „אין טעג פון גערענגל" פון י. פרידלאַנד | 48 |
| משה צוקער: וויסן, אומוויסן און — רשעות (עסיי) | 53 |
| ז. בונין: איך ווער אַ קלעזמער (פראַגמענט „פון פרילינג ביז האַרבסט") | 56 |
| גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: מיט אַ שטילן טראָט (סקיצע) | 60 |
| חיים באַרקאַן: איך זוך (ליד) | 64 |
| יצחק ניומאַן: דער ספר יונה (עסיי) | 65 |
| חנה בושעל־סאָלאָוו: ניט פאַרן שטורעם מיין ליד | 67 |
| משה שטאַרקמאַן: „חשבון" און יידישער חשבון הנפש | 68 |
| יצחק אייזנבערג: דער חשבון פון „חשבון" | 70 |
| א. באַביטש: פעדער־שפּריצן | 71 |
| א. קאַרפּינאָוויטש און מאַטעס דייטש: באַגריסונגען פון פרעמירטע | 73 |
| באַגריסונגען פון פּע"ן־קלוב, פון שרייבער און קולטור־טוער | 80-76 |



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

**I. FRIEDLAND, *Editor***

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

**וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.**

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאָר:

MATTES DEITCH - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

10טער יאָרגאַנג, נומער 37 • איר תשכ"ד, מאַי 1964 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


# מזל-טוב!

## צום צענטן יובל-יאָר פון זשורנאַל „חשבון"

מיט אַ באַזונדערע אַחריות פאַרצייכענען מיר עטלעכע באַמער-קונגען צו דער געלעגנהייט פון דעם יובל-נומער.

לאָס אַנגעלעס, ווי דער צווייטער גרעסטער יידישער ישוב אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, מיט איר גרויסער אָרגאַניזירטער יידישער קהילה; מיט איר פאַרצווייגטער אויסגעברייטערטער אַקטיוויטעט לטובת די היגע יידישע אינטערעסן, איז געוואָרן אַ שם-דבר אין יידישן אַמעריקע. אָבער... אויף דעם געביט פון אונדזער מאַמע-לשון, בעיקר וואָס שייך דאָס יידיש-געדרוקטע וואָרט, איז דער מצב זייער אַ טרויעריקער און מוראדיק פאַרוואָרלאָזט.

במשך דעם לעצטן צענדליק יאָר איז ל. אַ. געבליבן לגמרי יידיש-שטום; בעת מיר האָבן דאָ פיר יידיש-ענגלישע וואָכנשריפטן, האָבן מיר דאָ ליידער קיין איינע נישט אויף יידיש, אפילו נית קיין געדרוקט יידיש בלעטל אָדער בולעטין...

ווי אַ ליטעראַרישע פערטל-יאָר שריפט אין אונדזער גרויסער יידי-שער לאָס אַנגעלעס, איז „חשבון" אַ יידיש אינדזעלע אָדער גאָר אַן אָאַזיס אין גרויסן מידבר פון דער פאַרשפּרייטער און אַלץ פאַרכאַפּנדיקער שפּראַך-אַסימילאַציע. אַרויסצוגעבן אַ יידיש-ליטעראַרישן זשורנאַל ביי אַזעלכע באַדינגונגען, איז אונדזער פערטל-יאָר שריפט „חשבון" נית נאָר אַ חד במינו, נייערט אַ פענאָמען.

ס'איז אויך ווערט צו פאַרנאָטירן, אַז אויף ליטעראַרישע אויסגאַבן, במשך די לעצטע דריי צענדליק יאָר, איז דאָ דווקא געווען אַ גרויס געדרעטעניש! אָבער ליידער האָבן זיי דאָ נית געהאַט קיין אריכת ימים: מער ווי איין אָדער העכסטנס 4 נומערן פון אַן אויסגאַבע האָט מען נישט באַוויזן אויפצוהאַלטן. אַזוי איז עס געווען מיט דעם זשורנאַל „מעריב", „זונלאַנד", „פּאַסיפיק", „ליד", „בעכער", „אונדזער וואָרט", קאַליפאָר-ניער יידיש לעבן" און אַנדערע.

די סיבה פאַר זייער קורץ-אָטעמדיק לעבן איז נית תמיד געווען אַ מאַטעריעלע. צו יענער צייט האָט זיך נית געפאָדערט קיין גוואַלדיקע

סכומים אַרויסצוגעבן אַזאַ שריפט ווי „חשבון". הגם דער ישוב איז דאַן געווען אַ סך, אַ סך קלענער ווי איצט, איז אָבער דער לייענער געווען אַ יונגערער, פול מיט שפּרודלדיקער ענערגיע און מיט אַ מער נאַענטערע און וואַרעמערע באַציאונג צום יידיש-געדרוקטן וואָרט ווי היינט.

הגם אונדזער ישוב ציילט שוין בערך אַ 450 טויזנט יידישע נפשות, כן ירבו! קען אָבער דער יידיש-יידישער סעקטאָר מער ניט ווערבירן, צווישן 400 אָדער העכסטנס 500 צוהערערס צו אַ רעפּעראַט פון אַ חשובן גאַסט-לעקטאָר, יידישן געלערנטן און שריפטשטעלער, וועלכער קומט צו אונדז פון מרחקים. נאָך ווייניקער קען מען דאָ דערוואַרטן פון בעלנים-אָפּנעמער אויף אַ יידיש בוך אָדער אַ יידיש-ליטעראַרישן זשור-נאַל. איז ווען מיר טראַכטן וועגן דעם מצב פון אונדזער שריפט, זעען מיר, אַז טראָץ די אומגינסטיקע באַדינגונגען האָבן מיר דאָך באַוויזן דערפירן אונדזער שריפט צו אַ צען יאָריקן עקזיסטענץ, איז עס אַוודאי אַ מדרגה און אַ גרונד צו יובלען.

איך האַלט, אַז די סיבה פון אונדזער דויער דאַרף מען צושרייבן צו דעם, וואָס מיר זיינען, קודם כל, עלטער געוואָרן און ממילא דער-פאַרענער אין דעם ענין פון ליטעראַרישע אויסגאַבעס. הגם אַרויסגעבן און אָנפירן מיט אַ ליטעראַריישער שריפט דורך אַ קאָלעקטיוו פון שרייבער איז ניט תמיד דער אידעאַלסטער און איינציק בעסטער אויס-וואַל: שרייבער, אין זייער גאַנצן פּסיכאָלאָגישן מהות, זיינען ס'רוב סענסיטיוו בנוגע זייערע שאַפונגען און אויך עגאָ-צענטריש... כדי אַרום אַ זשורנאַל אָנצוהאַלטן אַ באַלאַנסירטן מצב און אויסמיידן געוויסע מכשולים און אומצופרידנקייטן מצד די שרייבער (מחמת אַזעלכע זאַכן האָבן שוין ניט איין ליטעראַרישע שריפט אומגעבראַכט אין יידישן אַמעריקע און מסתם אַנדערש-וואו אויך) פאָדערט זיך, ראשית כל, פּשוטער שכל-הישר; אַ דיסציפּלינירטן סדר אין דעם אָנפיר פון דעם זשורנאַל; אַ גרויסע מאָס פון אידעאַליזם, אויסדויער און עקשנות; אויס-היטן די שריפט פון פּוסטער מליצה און בטלנות און בעיקר, אויפהאַלטן די שריפט מיט דרך-ארץ און חשיבות צום יידישן וואָרט. אָט-די אַלע אַטריבוטן דאַרפן זיין די עיקר-שטריכן און טענדענצן פון אַ ריין יידיש-ליטעראַרישער שריפט.

מיט די ביז-איצטיקע 37 נומערן „חשבון" האָבן מיר, אַזוי האָף איך, באַוויזן אויסצוהאַלטן דעם „עקזאַמען": די שריפט איז ריין ליטעראַריש, שיין, ציכטיק, אַרויסגעגעבן; אַ באַלאַנסירטער, ניט סתם צופעליקער מאַטעריאַל, נייערט אויסגעפילט מיט אָריגינעלע שאַפונגען (ניט איבער-געדרוקטע). אָט-די באַמערקונגען זיינען באַזירט אויף מיינונגען פון אַ צאָל אָנגעזעענע שריפטשטעלער און אינטעלעקטועלע לייענער.

„חשבון" האָט אויך אַן „אייגן פּנים"; סיי אין די ליטעראַרישע שאַפונגען און סיי אין די קולטור-אַרטיקלען און כראָניק, שפּיגלט זיך מער ווינציק אָפּ (אויף וויפל ס'איז בכלל מעגלעך אין אַ פערטל-יאָר

שריפט) דער פרצוף־פנים פון אונדזער אייגענער יידישער סביבה, פון אונדזערע יידישע קולטור אנשטאַלטן.

מיר מייענען ניט צו זאָגן, אַז „חשבון" איז שוין דאָס העכסטע וואָס מ'קען דאָ שאַפן. אָבער, ווי אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע אין דער ווייט־ווייטער פּראָווינץ, האָט אונדזער שריפט שוין אַרויסגערופן גרויס אָנזען ביי דעם בעסערן יידיש־לייענער און ביי די שרייבערס און קריטיקערס.

אָפט פרעגט מען אונדז, ווי אַזוי זיינען מיר דאָך ביכולת אָנצוהאַלטן די שריפט ביי דעם איצטיקן פּאַפּיר און דרוק יקרות? אַז קיין מעצענאַטן האָבן זיך לעת־עתה ניט באַוויזן אויף אונדזער האָריזאָנט. (מיר הייבן אָן צו ספקן צי ס'איז בכלל דאָ אַזעלכע פון דעם מין אין אונזער פּעריפעריע). זאָל אָבער דאָ געזאָגט ווערן לשבח דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב: דער שותף צו דער אויסגאַבע און די שרייבער גופא ביים זשורנאַל, וואָס באַמיען זיך צו שאַפן אַ טייל פון דער הוצאה; און די יחידי סגולה—אָט־די געציילטע טייערע יידיש־יידן, וואָס האָבן אחריות און ליבע צום יידיש־געדרוקטן וואָרט, וואָס חוץ זייער אַבאָנימענט, טראָגן זיי צו, פון צייט צו צייט, אַ ביישטייערונג, כדי די שריפט זאָל קענען אָנגיין אומאונטערבראָכן.

איך האָב באַרירט דעם דאָזיקן ענין אין שייכות מיט אונדזער יובל־נומער, כדי צו באַקענען אונדזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט מיט דעם אמתן מצב פון יידיש־געדרוקטן וואָרט אין אונדזער גרויסער יידישער לאַנד אָנגעלעגט.

דער זשורנאַל „חשבון", חשובע לייענער, איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג און אויך ניט קיין פרומער וואונטש פון אַ טייל בעלי־חלומות. מיט דעם 10 יאָריקן עקזיסטענץ האָבן מיר קלאָר באַוויזן, אַז „חשבון" איז אַ יש, אַ ממש, אַ לעבעדיקע שפּרודלדיקע שריפט, וואָס פילט דאָ אוים אַ באַשטימטן חלל אין אונדזער היגן קולטור־לעבן!

לאָמיר, בכן, חשובע אחריות'פולע פריינט פון יידיש־געדרוקטן וואָרט—שטאַרקן דעם „חשבון—די איינציקע שריפט אויף יידיש וואָס מיר האָבן דאָ אין דער גרויסער צעשפּרייטער יידישער לאַנד אָנגעלעגט.

**און תחזקנה ידיכם!** י. פ.

---

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט**
**פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"**
**אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר**

---

לייב פיינבערג

# אין טאָג פון הונדערט מעגאַטאָן

ס'וועט זיין אין טאָג פון גרויסן צאָרן,
אין טאָג פון הונדערט מעגאַטאָן:
די ערד וועט פלאַמען, ווי אַ דאָרן —
פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט.

עס וועלן לענדער, קאָנטינענטן
און שטעט צעפאַלן זיך אין שטויב,
צע'אַש'טע, חרובע, פאַרברענטע,
באַדעקט מיט געלן אַטאָם־שטויב.

און צווישן וויסטע שטעט און לענדער,
אַ גרויער אינדזל — אַ סקעלעט,
אין ימען שפרייט זיך פון פאַרלענדונג
ניו־יאָרק — די מלכה צווישן שטעט.

ווי קאַלטע שוועבעלעך — די בריקן
פאַרלאָשן ליגן אויפן מיסט.
און יעדע גאַס און יעדן ליקל
געשענדעט האָט חורבן און פאַרוויסט.

ס'איז אַלץ צעשטערט, ס'איז אַלץ צעפולווערט,
די שטאָט — אַ רויכערדיקער פלינט.
און „קראַיסלער", „עמפּאַיר סטייט" און „וואָולוואָירט 1)
סקעלעטן וויגן זיך אין ווינט.

בראָדוויי — אַ שורה האָלאָוועשקעס,
וואָס סטאַרטשען גולמדיק צום רוים,
און „צענטראַל־פּאַרק" — אַ פּייער־סטעזשקע,
וואו אַלץ פאַרקוילט איז — בוש און בוים.

לאַמטערנס — תליות אויסגעבויגן,
אויף יעדער תליה הענגט אַ קאָפּ —
און ס'קוקט מיט מילי־מיליאָסן אויגן
דער טויט פון יעדן שטיין אַראָפּ.

עס סטאַרטשען ווי פאַרקוילטע פאַלמעס,
די וואָלקנקראַצערס אין געשטרעק.
אויף מאַוזאָלייען פון בית־עלמינס
דער טויט איז אויך שוין אָפּגעמעקט.

---

1) די דריי העכסטע געביידעס אין ניו־יאָרק.

דער קלויסטער און די סינאַגאָגע
צעשטערטע ליגן זייט ביי זייט:
ס'האָט איין אַטאָמישע שוואַרץ-חגא
פאַרקוילטע זיי ביידן, ווי אַ שייט.

אויף יעדער חורבה פון זיין טעמפל
דער פריסטער ליגט פאַרברענט אויף קויל;
ס'איז אויסגעלאָשן נצח-לעמפל
און אויסגעטריקנט איז דער אויל.

קיין מענטש איז מער נישטאָ: אַ פינטל
פון אַטאָם-אָפפאַל ליגט אין שטויב.
אויף חורבות בלאָזט אַ וואַרעם ווינטל
און פאַרקעט זיך אין מענטשן-דרויב.

און צווישן חורבעס שטויב און זשאַווער,
אין יאָמערטאָל פון שטאָל און שטיין,
שפּאַנט-אום אַ גרינער דינאָזאַווער 2)
און כראָמשקעט פגרים אויף די ציין.

און פלוצים — פון אַ חרוב הייפל
מיט מייזלעך זעקם לויפט-אָן אַ מויז:
—„קומט, לאָמיר, קינדערלעך, אַנטלויפן,
עס זיינען אַלע טויט אין הויז!

—„די ערד איז ליידיק, ווי אַ שיסל,
דער מענטש האָט אָפּגעשפּילט זיין פאַרם.
אויף לופט-פעלד שטייט דער לעצטער מיסיל,
קומט, לאָמיר אָפפליען צום מאַרס!”

ווי פעטס, פאַרפרוירן אויף אַ טעלער,
אין רוימען שטאַרצן גרויע בערג.
דער לעצטער מיסיל רייסט זיך שנעלער
אוועק פון חרובדיקער ערד.

צו גאָט די מייזלעך שיקן ברכות.
נאָר זע: אויף דימענטענעם טראָן —
אַן אַטאָמירטער ליגט כביכול,
צעאַשט פון הונדערט מעגאַטאָן.

---

2) פאַרצייטיקע ריזיקע חיה.

**מאַטעס דייטש**

# איוב־שערבלעך...

(דימיאַנעט)

דער שרייבער קוקט אויף זיינע קליידער: פאַרשיידן־קאָליריקע רעקלעך, הויזן, סוועטערלעך, מאַנטלען, שניפּסן — אַ וואָזשנע גאַרדעראָב; יעדער בגד אויף אַ הענגער, מוסטערהאַפט; עס שימערירט אַלץ ווי אמתע לעבעדיקייטן; זיי זייבען דאָך אַנגעבונדן צום לעבן און געשמאַק פון אַן איש־חי!

אייגנטלעך איז עס ניט די קליידער, באמת נישט; עס זייבען גאָר די פּרוכ־פּערדיקע געדאַנקען, די רעיונות וואָס דער שטורעמדיקער מוח טראַכט, פילמירט, בעת די שאַרפע, דורכדריגגלעכע אויגן פון דעם וואָס לעבט נאָך דאָ, טראַכט פון זיך ווי ער וואָלט שוין געווען ניט־חי, נאָר אין דער אייביקער איבדערערדיקייט; עפּעס ווי אַ קליפּה איז אין אים אַריין, אַז ער זאָל זיך דווקא זעען אַזויווי אַ פרעמד־זעעווודיקער וואָלט אים באַטראַכט און פאַנאַנדערגעגלידערט. אַזוי איז ער אין זיינע רעיונות אָביעקטיוו ווען זיך אינעם איצטיקן מאָמענט בשעת זיינע מחשבות וואַקסן מאַנסטערדיק, בליצן פון צייט צו צייט אויף, כאַטשבי דאָס מערסטע פאַר־גייען זיי אינעם טיבטער פון חשכות, וואָס גיסט זיך אויס און ריבט אַריין אין דער פאַרפלאָנטערטקייט פון זיין מאַרך, ווי אין אַ לאַבירינטישער אַנ׳סופ׳יקייט — אַ פאַנטאָם!

אַט זעט ער זיך אַ שטייגער אין די קליידער: זומערדיק, ווינטערדיק, אין אַלע זמנים פון פאַרשיידענע געלעגנקייטן; נאָר תיכף גיט עס אים אַ מין רוק־אַרויס פון זיי, ער גיט זיך אַ וועקסל־איבער אין אַ פאַרענדער, וואָס מישט אַריין אי פרעמדקייט און אי אַן אינטערוואַל, וואָס מעקט אים אויס פון זיין געדעכעניש און עס הערשט אַ מהלך צווישן זיך־איך־און־אים — דער אים זעט אַלץ צו; עלעהיי ער איז אַ ניפטער־פּיפּטער, אַ פאַרפאַלענער און אַן אַנטרונענער פון זיך, אַן אויסגעשיילטער פון זיין ממשותדיקייט.

קליידער...

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי אָן זיין נפש־הפועל? אָן זיין חומר, וואָס פילט זיי אָן מיט זיין אויסגעפילטער פורעמדיקייט?

שטאָף. לײדיקייטן; בישט מער...

זיי קאָנען זיך אָפּהענגען אַט־אַזוי־אַ יאָרן־לאַנג און בלייבן אומגעזעענדי־קייטן אינעם נישטגאָרנישט פון הוילער מאַסע...

נאָר עס גייט דאָ ניט סתם אין די קליידער גופא, אוודאי ניט.

עס גייט, אין די געדאַנקען אַרום זיי, די געדאַנקען זייבען דאָך ווי אַן אַקטיווע קאַמערע — פאָטאָגראַפירן זיי כלערליי זעאונגען, מעדיטאַציעס, וואָס שטעלן אייך אין קאָן „זיין איך", זיין אמתע ממשותדיקייט, זיין אויספילן שטח אין רוים בעת ער שווימט אינעם טייך וואָס שטראָמט מיט צייט.

געדאַנקען...

הכלל, ער איז אַ מת גמור!

און ער זעט אַזוי רעאַל צום וויפילטן מאָל אַט די פאַרוואַנדלונג.

ער קלערט איבער זיך ווי ער וואָלט געווען אַ נאָכקומער נאָך זיך, נאָך זיין

גאַנצן איכיקן קיום; ווי מיט אַ פרעמדער ראיה זעט ער זיין געשטאַלטיקטע אָפּגעמעקטקייט.

אַ פאַרבאָרגן אינערלעך קול זאָגט אים אונטער:

— אַלץ וואָס ס'איז דאָ אָט־אָ איז צום פאַרבלייבן אָן אים; ער קוקט טאָקע אויף דעם גאַנצן אַלעמדיקן — זיין, בדרך זייטיקייט, ווי ער וואָלט בפירוש געווען אַ ווילד־פרעמדער צו זיך און כאָטש טאָקע אַזוי — טראַכטנדיק פרעמד איבער זיין־ניט־זיין, וואָלט ער זייער גערן הנאה געהאַט ווען די געדאַנקען, וועלכע באַלעבאַטעווען איבער אים, זאָלן אַ קליינטשיקן רויש טאָן, ווי אַ גרינג ווינטעלע, כדי צו וויסן־געבן אָט־דעם־אַלץ (וואָס איז אַזוי בולט דאָ) אַז ער איז... אַביסעלע ערגיץ נאָך פאַראַן... עס האָט אים געריצט זיך אַ שפּיל־טאָן מיט דעם פּאַטום, וואָרום ער האָט געזעען אַז ער קאָן גאָר נעמען אין דער טאַט אַ ברעקעלע נקמה; כאָטש אים האָט אָסור וויי־געטאָן אויף זיך, הגם ס'האָט אָן אומ־באַשרייבלעכער שמייכל געגאַליקט אויף זיינע ליפּן, וואָס האָבן, לויט צעהיצטן דמיון, געהאַט די פאַרשטעלונג אַז זיי האָבן באַר וואָס אַנגעריירט דעם קאַלטן ראַנד פון אַ בעכער מיט סם...

ער האָט דעם „זיסן" סם געטרונקען איידל ווי פון אַן עלפאַנטביין־טעפּעלע און געדורשטיקט האָט די זעטיקייט וואָס האָט אים דאָך פאַרפולט מיט אַ ספּעצי־פישער זאַטקייט וואָס ער קען אַזוינס טריבקען...

מיטאַמאָל האָבן זיינע געדאַנקען אַ רויש־געטאָן אין אַן איבערפאַל:

וואָס איז דאָס?!

עס, פוילע שטימונג. וויטיק פאַר זיך אַליין... ס'איז נשמה־ווינט...

ער האָט געטראַכט אַז ער האָט זיך פיינט הלמאי ער האָט ניט ליב צו זען זיך אַ ניטדאָאיקן, אַ געשטאָרבענעם.

זיינע צערייצטע רעיונות האָט אים געקראַצט ווי איוב־שערבלעך... איצט... נו, מאָלער, גיי מאָל וועגן דעם!

און דו, מוזיקער, טו זיך אַ לאָז קאָמפּאָזירן וועגן דעם!

צי דו, ליטעראַט, כאַפּ זיך שרייבן וועגן דעם!

און דער לייענער וועט עס לייענען; כלומרשט אַ... סקיצע, אַן עסקיז, אַ צעוואָרפענע פּאָעמע — ליטעראַטור! קונסט! פּראָזעמיסטיק!

טשיקאַווע. אַלץ לאָזט זיך מעסטן, באַצייכענען; אַ חוץ דער ווינט, בשמה־ווינט — די איוב־שערבלעך...

די איוב־שערבלעך דאַרפן אַריין אין דער ליטעראַטור.

ער וועט עס אָנשרייבן סכעמאַטיש בלויז, אָט ווי עס יערט אין אים, פאַר־פיקסירן עס אין הוילע גראַבלעניש פונעם גריזשענדיקן דמיון...

סע איז אַן ענין פאַר דער ליטעראַטור.

נאָר אויב דער לייענער וועט דעם ליטעראַרישן ענין ניט באַנעמען? ניט וועלן לייענען? האַ? וועט ער ווערן וואָס? אויס ליטעראַטור־ענין? אויס וואָס עס איז? אויס, מחמת ער, דער לייענער (דער אויפהאַלטער פון קונסט־ווערטן) איז ניט ביכולת, הענדום־פענדום, מיטן ערשטן מאָל עס אויפצונעמען? באשר בכן ס'איז צו אים ווי אַן אויסטערלישע אַנטפּלעקונג — איוב־שערבלעך, וואָס מען טאָר זיך מיט זיי ניט קראַצן?... ביין, ס'איז אַזאַ מאַרכצערודערניש וואָס ער האָט זיך נישט געריכט אַנצוטרעפן, זיך ניט געגרייט צו באַגעגענען אַזאַ מין דער־

פאַרונג; ער איז געוואוינט — טאַקע ניט בלויז געוואוינט — דערצויגן געוואָרן אויף דעם אמתן דערציילן: געבויט גראַד לייכט, גלאַט, מיט אַ טאָלק, צוערשט — אָנהייב, נאָכדעם — מ י ט, ביזן אויסלאָז; דעם פאַרגאַנצטן סוף — צום פאַרשטאַנד פון אַ תינוק בן־יומו...

אַזוי איז די שטראָף פון דער געוואוינהייט!

און דאָ, פּלוצים (אויף דער עלטער) גיי שפּאַן זיך איין און האַרעווע איבער... ליטעראַטור; יענעמס געדאַנקען, שטימונגען, מאַנקאַליעס, איבערלעבונגען, וואָס קומען נאָר בשעת דו קוקסט זיך צו, מיט טראַכטעניש, ווי רואיק דיינע קליידער הענגען נאָך דיין האָבן אַוועקגעגאַנגען אינעם פרעמדן אַ ה י ן ... זיי הענגען, די קליידער, רואיק, ווי תמיד, גלייך ווי דו ביסט גאָרניט אַוועק אינעם לאַבירינט פון חשכות — אַן אויסגערונענער אומפאַרשטענדלעכער חלום!

אָבער אַ מענטש איז דאָך פאַרט אַביסל מער פון אַ מהיכא תיתי, טראַכט ער אַמאָל... נסימדיק!

עס קאָן דאָך גריילעך געמאָלט זיין אַז אַ פאַרלייענער, אַ וואָרטקינסטלער (וואָס וויל אָנהאַלטן דעם באָמען ווי אַזאַ) זאָל מהאי טעמא אַט־די זאַך, דווקא וועלן אויספּרובירן אויפן לייענער, דעם צוהערער, דעם באַקאַנטן ליטעראַטור־געניסער; דער נעמלעכער וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג מיאש געווען פון נאָכקומען אליין די הייבטיקע טאַלאַנטן; זיי לייענען אַליינאויגיק־מויליק, זיך פאַרדבקן מיטן אייגענעם איך אין אַ ווערק, ווי אַ שטייגער דער טאַטע זיינער בעת ער האָט מתפלל געווען, געדאַוונט; וואָרום דאַוונען דאַוונט קיינער ניט פאַר יענעם נאָר פאַר זיך אַליין... הכלל, הייבט איז דער זמן וואָס איינער, אַ פאַרלייענער, לייענט פאַר יענעם; סע הייסט, אַז ער טוט עס אים איינגעבן זיין חלק לייענען ווי מ׳גיט איין אַ לעפעלע רעצעפּט; פאַרלייענען און זען ווי דער אויסהערער שלינגט עס אַראָפּ אין זיך אַריין אַט־די ליטעראַרישע אָנקליידונג און וואַרטן אַז סע זאָל פאַרקומען דער געניאַלער נס...

אפשר וועט ער פאַרן לייענען מאַכן אַן הקדמה?

יאָ, טאַקע, אַן אַריינפיר:

היות, דער שרייבער פון אַט־דער ליטעראַרישער זאַך (ער קאָן ביי זיך ניט פועלן עס אָנצורופן דערציילונג, סקיצע אָדער גאָר עסיי) איז ניט פון די שריי־בערס וואָס בויען ווי געוויינלעך מיט אָנהייב, מיט, און סוף; ווי אַ שטייגער מע מאַכט אַ שוך: מע ווייקט דאָס לעדער, מע ציט עס אויס אויף דער קאָפּיטע, מע נעגלט און מע שטיפּטלט עס, אַהער און אַהין, ביז איר זעט פאַר אייערע אויגן ווי עס בויעט זיך, פונעם אָנהייב ביזן סוף, דאָס געשטאַלט פון אַ שיינעם שוך; דעם בעסטן שוך, וואָס קיין בעסערן דאַרף מען גאָר ניט אין דער גאַנצער וועלט פון שיך; קיינעם ניט, אפילו דעם שוסטער־מייסטער גופא אויך ניט...

יאָ, אַט־דער־אַ שרייבער איז ניט קיין שוכמאַכער־שרייבער, כאָטש עס קאָן זייער גריילעך זיין, אַז ביים פאַך איז ער דווקא דער ב ע ס ט ע ר שוסטער, אַ מייסטער פון סאַמע מייסטערלאַנד...

און דאָ וועט ער אַריינשמוגלען ווי אַ צולאָג אַ טרעפלעכן וויץ:

„די גרויסע קינסטלער האָבן געדולד צו אונדז, נאָר די קליינע מאַכן קולות. מ׳קאָן רואיק זיצן אויפן שפּיץ פונעם העכסטן באַרג, אָבער ניט אויפן מינדסטן צוועקעלע״...

דער עולם וועט לאַכן; ער האָט באַנומען דעם משל; אויפגעכאַפּט דעם וויץ: ס'איז אַ כלל גדול, דורך אַ וויץ קאָן מען דעם עולם אַריינשמוגלען אפילו אַ שווערע זאַך אויך...

און דער וואָרטקינסטלער נוצט עס גרינטלעך אויס:

נו, איז אָט־דער שרייבער פון די געציילטע שרייבערס, וואָס ניט אָנהייב, ניט מיט, און אַוודאי ניט סוף, איז ביי אים דער עיקר אין זיין שרייבן; בייערט, דאָס שרייבן גופא ווי אַ שרייבונג, איז אויך אפילו ניט דער גאַנצער עיקר־תוך: דאָס דורכקריכן מיטן שרייבן דעם דראַנג, דעם קלאַנג פון זיינע ווייען, וואָס דאַרפן זיך דערהערן פון זיין לעבעדיקן ראַנגלען זיך מיט די געפילן, און שפּירונגען וואָס באַוועלטיקן אים זיין געדאַנקען־וועלט מיט אירע רוישיקע שטימונגען, וואָס שטויסן זיך מיט אַזאַ שטורעמדיקן באַפאַל אויף אים, וואָס רייסן זיך דורך צום אויסדרוק פון גיכן באַשאַפן ווערן אין אַ יש, אין אַן אַנפורעמען זיך אין אַ ז י י ן; דערויף איז דאַך ניט בייטיק קיין אָנהייב, מיט, צי סוף. זיי עקזיסטירן מיטן באַשאַף פון דער ערשטער סטאַדיע פון קיום, וואָס האַלט זיי פאַרמקורט אין זיך; די ערשטע שורה איז שוין כולל די אַלע פאַרוואָסן, אַלע וויאַזויען און אַלע, אַלע נאָכוואָסן, וואָס געוויינלעכע מענטשן טענהן און פרעגן: מאַי־קאַ־משמע־לן?

דער פּאָעט האָט פון לאַנג שוין געזאָגט:

פּאָעזיע איז לעבעדיקע שיינקייט, ווייל זי טראָגט אין זיך דעם לעבעדיקן הויך פונעם איש־חי; און אַן איש־חי וועט זיך געוויס ניט לאָזן פאַרבייטן אפילו אויף די בעסטע פּאַר שיך, געמאַכט פונעם בעסטן מייסטער...

דער מינדסטער א י ש איז נאָך אַלץ מער ווערט פון די בעסטע פּאַר שיך!

פּונקט ווי דער תוך פון דער ערד איז אין דער ערד גופא, פּונקט אַזוי איז די קונסט פון שרייבן נאָר אינעם שרייבן; און דער וואָס איז ביכולת צו געפינען דעם אָנהייב, די מיט, צי דעם סוף פון דער ערד, איז אָט־דער־אָ יעניקער מסוגל דאָס נעמליכע אויך געפינען אין דער קונסט פון אַלע קונסטזאַכן.

גיכער איז צו וויסן דעם עסענץ פון אַ זאַך.

צו וויסן נאָר די זאַך אַליין, אָן דעם מ י ן, איז אַ טראַגישע אָרעמקייט, וואָס איז עלנט און ניט שיין...

דער וואָס לעבט אָבער פול מיט זיין איביקן און וועלטלעכן אמת אין זיין שאַפן, איז געגליכן צו דעם פאָנסע דעלעאָן; ער איז דער זוכער פון די גרויסע אַנטפּלעקונגען, וואָס איז דער שאַפונגס־פאַנטאַן, און אָט־דאָס־אָ גיט די אייביקע יונגקייט דעם שאַפער פון אַ שכר לעולם ועד.

און גראָד דאָס דאַרף מען, מוז מען איינגעבן דעם צוהערער, ווי מע גיט איין אַ לעפעלע ביטערן רעצעפּט. און אויב אָט־דער רעצעפּט איז נאָר פון עמיצן פאַרשריבן, קען געמאָלט זיין אַז סע זאָל זיך געפינען אַ־איינער וואָס זאָל זיך דווקא באַמיען „איינצוגיבן" אים עמיצן ווי ער איז אין זיין אָריגינעלקייט. כאָטש, אַוודאי איז דאָ פאַראַן אַ גרויסער ספקדיקער כ אָ ט ש , סע איז נאָר אַ פראַגע צי יענער וועט עס וועלן אַראָפּשלינגען...

אין אָט־דעם ב ס איז קיינער ניט מחויב צו זיין זיכער!

זיכער איז נאָר דער דאָזיקער פאַקט וואָס איז אַ מוז:

כדי אַ זאַך זאָל באַשאַפן ווערן, מוז עס אָנקומען צו אַ באַשאַפער, אַ יוצר; פּשוט דערפאַר ווייל יעדער זאַך איז באַזירט אויף אַרבעט, קודם כל; נאָר אינעם

פאַל ווען דער בעל־מלאכה איז אַ מייסטער, גיט ער אַריין דעם עסטעטישן עלע־מענט אין דעם, זיין ספּעציפיש אייגנס און ממילא ווערט שוין זיין טיפּישע אַרבעט מערער ווי בלויז אַרבעט; סע איז דער יסוד וואָס שטייגט אַרויף צו דער מדרגה — דורך דער מייסטערשאַפט — צו קונסט.

* * *

און דער זעלבער שרייבער וואָס האָט זיך געזעען אַ ניטדאַאיקן, האָט ספּאָנטאַן דערפילט אַז ער איז אַ לעבעדיקער שרייבער און מיט אַ ביזאַרער צערייצטקייט האָט ער זיך אַ וואָרף־געטאָן צום שרייבטיש; ער האָט געשריבן מיטן זעלבן בריענ־דיקן אייפער ווי אַמאָל, ווען ער האָט נאָך אין זיין שרייבן גע'סיפור־המשה'ועט צום פאַרשטאַנד פון אַ תינוק־בן־יומו — צום שכל פון אַ זויגקינד.

און פון דעם איינציקן שכר־הפועל האָט ער געזויגן מוט, כוח.

ער האָט דערפילט אַז ער לעבט אין אָט־דער־אָ רגע פון אייביקן שכל וואָס ניט אומשטערבלעכקייט און ער דאַרף ניט אָפּגעבן קיין חשבון צו קיינעם, ווען מע פרעגט אים:

„וואָס איז דאָס?"

ער האָט ביי זיך פעסט געוואוסט, אַז סע איז די נשמה פון שרייבן וואָס מאַכט אַ שריפט זאָל זיין דאָס וואָס זי איז.

און אויב נשמה? טאָ ווער קען עס אָנווייזן אויף נשמה...

סיידן דער וואָס האָט געפונען דאָס אָריגינעלע איוב־שערבל און עס צעבראָכן אין אַ סך איוב־שערבלעך...

---

**אהרן ניסענזאָן**

# לאָמיר...

לאָמיר, ברידער, מאַכן אַ פאַרזוך
זיך דערהייבן צו דער ריינקייט
וואָס ליגט פאַרזיגלט אין הייליקן בוך—
צו דער פשטות און דער שיינקייט.

ווען געטלעך קול האָט זיך קלאָר געהערט,
ווי פייגלשע געזאַנגען,
און גאָט און מענטש זיינען אויף דער ערד
געאָרעמט אַרומגעגאַנגען.

מיר ווייסער און מיר קענער פון היינט,
וואָס אָט, און מיר דערגרייכן
דורך סוד, וואָס האָט פאַר אונדז אויפגעשיינט—
צו טיפן און צו הייכן.

לאָמיר דעם רמז פון אָט דעם סוד
פאַרנעמען, אַ, ליכטיקע ברידער—
און ווי אין דעם ווייטן אַמאָל, מיט
זיך בעמען חברן ווידער.

צבי שטאָק

# לוי גאָלדבערג — אַ בן־שבעים

## (וועגן לוי גאָלדבערגס בוך: „פּירות אויף מיין בוים")

איך נעם אַ טראָפּן חלום און אַ טראָפּן לעבן,
און מיש זיי ביידן אויס צוזאַמען.
דערנאָך באַווירץ איך זיי מיט גראַמען
פון אוצר וואָס גאָט האָט מיר געגעבן.

לוי גאָלדבערג

פון דעם „טראָפּן חלום" און „טראָפּן לעבן" וואָס לוי גאָלדבערג אפּערירט מיט זיי אין זיין „דיכטערישער לאַבאָראַטאָריע" שאַפנדיק זיין ליד — און פון זיי ביידע „פּאַרקנעט" ער ערשט מיט „ריינע טרערן" פון זיינע טיף „געהיימע קוואַלן" און פון דעם וואָס, ווען ער דערזעט מענטשן גאַפּן, ווייסט ער אַז ער האָט אַ ליד באַשאַפן, קענען מיר ציען אַ שלוס, אַז לוי גאָלדבערג האָט גוט געטאָן וואָס ביים סוף פון זיין בוך: „פּירות אויף מיין בוים" — האָט ער געמאַכט אַ חשבון אין זיין ליד „חשבון" מיט יל"ג (יהודה לייב גאָרדאָנס) ליד: „למי אני עמל"? — פון נאָענט־ווייטן אַמאָל. האָט ער דאָך פאַרענדיקט מיט גאָר אַן אָפּטימיסטישער נאָטע (אַגב האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: „בן שבעים לשיבה" — אַ רמז אויף דעם איז: „עוד ינובון בשיבה" — אין דעם פאַל זיכער.

לוי גאָלדבערג פרעגט:

צער פון לעבן אויפגעקליבן
און מיט ניגון־ליד באַקליידט זיי.
האָב איך פאַר דעם ווינט געשריבן ?
פאַר דעם היישעריק געדיט זיי ?

און ער פאַרענדיקט זיין בוך אָפּטימיסטיש:

ניין ! הער איך אַ שטימע שאַלן :
גאָב פון גאָט ווערט ניט פאַרפאַלן !

לוי גאָלדבערגן האָט גאָט אַליין באַשיצט, אַז אין דער ברכה פון יידיש וואָרט, אַן „פּוסטער פראַזע", אַן „הוילער גלוסט פון חדוה", ווען ס'דוכט אַמאָל ער „טראָגט הויך זיין קאָפּ" — האָט אים גאָט באַשיצט, אַז אין דער ברכה פון זיין טאַלאַנט — וואָס איז אין שייכות מיטן רעאַלן ווירקלעכן לעבן היינט צו טאָג — אַ גרויסע מציאה... שיצט אים גאָט, אַז אין דער ברכה פון „קליינעם גליק" פון אויספורעמען זיין שטיל, באַשיידן, אָבער פיל־זאָגנדיק — און זייער אַ סך מיינענדיק — יידיש ליד און יידיש לשון, און יידיש לעבן היסטאָריש, געאָגראַפיש יידיש דענקען — אינטעלעקטועל און הויך־ספּאַזמירט — וואָרים מיר זיינען אַ גרויס פאָלק. מיר האָבן געגעבן דער וועלט ניט נאָר דעם תנ"ך, נאָר זיינע מפרשים; ניט נאָר דעם תלמוד, נאָר זיינע קאָדיפיצירער; ניט נאָר דעם „זוהר", נאָר זיינע וואונדערלעכע העכערע וויזיעס — שטייט לוי גאָלדבערג אין זיין ליד פאַרגאַפט מיט יראת הכבוד, און מיטן אמתן שטאָלץ זאָגט ער איידל — אין ריטם און גראַם —

אַז גאָט שיצט אים, אַז אין דער ברכה פון „קליינעם גליק" זאָל בלייבן „איך" פון זיין אייגענעם משפחה־קרייז; זיין אייגענעם יחוס, וואָס נערט זיינע שאַפונגען. דאָס פּאַסירט ווען איר ווילט טאַקע מיט אַן אמת אַריינדרינגען אין די סיבות פון סטימול, פון רייץ, פון אָנרעגונג, וואָס שטויסט אַ יידישן דיכטער צו שאַפן, צו שרייבן. — בתוך עמי אנכי יושב — איך זיץ צווישן מיין פאָלק...

איר מוזט זיך אָנשטויסן אויף זיין יידיש־לירישן, זיין אייגענער, כמעט, וואָלט איך געזאָגט, מיסטישער עקשנות נישט אָפּצולאָזן זיך און ניט אויפצוהערן, נאָר אַדרבא, פאַרקערט — צו שאַפן און שרייבן און ציקלען און אויסוויטיקן דאָס יידישע ליד אויפן יידישן לשון.

איז ער אַליין איינגעוויקלט („אינוואָלווד" בלע"ז)? יאָ, אַוודאי! סיי אין יחידישן, סיי אין קאָלעקטיוון קינסטלערישן באַנעם, מוז ער זיין איינגעוויקלט מיט זיין אייגענעם „איך", מיט זיין גאַנצן מהות, כדי ווייטער צו קענען שפּינען דעם פאָדים פון יידישער שאַפונג, פון באַרייכערן דעם יידישן תוכן און דעם יידישן תוך מיט צייט־צוגעפּאַסטער, מיט היימיש אייגענע קערנער, וואָס לוי האָט מיט טרערן און שווערער האַרעוואַניע פאַרזייט, פאַר ירושה, וואָס מ'וועט מוזן אַרבן, אפשר דורך אַן אַנדער מין גלגול — אָבער דער קרן מוז בלייבן יידיש און ליריש זיס, און אנגענעם צום יידישן אויער, אין דער צוקונפט און פאַר דורות. ווייל ווי ער דריקט זיך אויס ריכטיק אין זיין ליד: „אַ פאַלמע", לעצטע סטראָפע:

צו זען אַ פאַלמע בליען,
צו זען איר קאָרע־הויט,
מיינט — מיט די פליגלען פליען
וואו אונדזער הימל בלויט.

יאָ, האָט לוי גאָלדבערג אפשר מיט זיין ליד: „קונצנמאַכער" אונדז אַלעמען, און זיך אַליין אַריינגעבראַכט אין אַ פּעסימיסטישער שטימונג, ווען ער זאָגט דאָרט:

יאָרן קלעטערן אויף מענטש ווי קונצנמאַכער,
איינס אויף ס'אַנדערע, ביז האַרץ ווערט שוואַכער,
ביז דער פונדאַמענט־מענטש, ער נעמט זיך בויגן
פון דער משא, גרייט אויף האָרטן ברעט זיך לייגן.

איידער נאָך ביים מענטש דער אָטעם ווערט אַנטשוויגן,
אין דער שטילער רו, וואָס ווער אין שלאָף פאַרוויגן —
ווערט אָנגעשפּיצטער זיין געהער, דינער, וואַכער,
ער הערט: אים לאָכן אויס די יאָרן־קונצנמאַכער.

אָבער נאָך זיינע „מיידלעך קדושות" (פון בוך: „ניגון זאַין ווינט") האָט לוי גאָלדבערג פּרעכטיק דאָך באַזונגען דעם אָנהייב פון יידישער גאולה. („פירות אויף מיין בוים" זייט 122) „ווען איר ציט אַרויף אין זיג די פאָן." דאָרט רופט אויס לוי גאָלדבערג מיט גרויס פּאַטאָס און ענטוזיאַזם:

„איצט ביזטו וואָר, ישראל! פון דער וויזיע אויף אונדזער הימל זיך אַ צונד געטאָן;
ווען אויף אַ פרעמדן באָדן וואַקס איך (ליד צו זינגען) אין פראָסטן אינדערוואַכן,
גרוס די קעמפער אין דיין יובל־טאָג, און ווען דו ציסט אין זיג דיין פאָן —
וויס! אַז אויך מיין חלום פלאַטערט דאָרט אין דיין גרויסן נס נצחון."

לוי גאָלדבערג

# גרויס-שטאָט אין אַ שטורעם

(אימפּרעסיע)

ווען רעגן, בליץ, און דונער-קראַך
שטורעמען איבער דער גרויסער שטאָט ביינאַכט;
ציטערן די וואָלקנקראַצערס.
אויף זייערע פּיל-גאָרנדיקע גאָלדענע פענצטער
וואַרפן זיך פייערדיקע פיילן.
בייכיקע וואָלקנס — אָנגעפּוישטע רעגנפרעסער — איילן
זיך קייקלענדיק ווי אויף שטיינערנעם ברוק, און פּלאַצן
דורך דעם הימלס זיידענעם געוואַנט.
רעגנשרויט, ווי מאַגיקע פינגער, פּויקן נאַכאַנאַנד
מוזיק, אויף די אַספאַלטענע ווענטאַצן.
די רינוועס, ביי די זייטן-טראָטואַרן, ווערן שמאָלע טייכלעך,
און ווי בלוט פון געפּלאַצטע אָדערן, זיי שטראָמען
אַריינצופאַלן אין די אונטערערדישע תהומען.
דער אַספאַלט איז אַ צעקרישלטער שפּיגל
מיט זוכטשטראַלן פון אויטאָס וואָס לויפן און שרייען,
אויסגעהיט פון סכנה זאָלן ווערן מענטש און חיה.
די וואַסער-שופן פון שטאָטס שטילע טייכן
בילדן זיך אין דורשטיקע חיהלעך,
וואָס מיט די אָפענע פיסקעלעך זיי שלינגען גאָטס טראָפּנס
ווי די פעלד-בלומען טויען.
די טייכן ווערן אָנגעשוואָלן ווי בייכער ביי שוואַנגערפרויען.
ביימער און אַלייען
שטייען
ווי צעפליקטע שירעמס אין געפלעפטן וועטער,
און וויינען מיט פאַרנעצטע בלעטער.

און מענטש ביי דעם צושטערנדיקן כוח
ווערט אידענטיפיצירט מיטן אורזיידן נח,
וואָס איז אויך געווען קאַפּאַבל
אומצוקומען אין דער תבה, ביי דעם מבול.
אויך מענטש ביי דעם שויב
וואַרט צו דערזען דאָס ערשטע בלעטל
אינם שנאָבל פון אַ טויב.

---

איצטער, צו זיין ווערן אַ בן־שבעים, ווינטשן מיר לוי גאָלדבערגן און זיין משפּחה, אַ סך יאָרן פון שאַפונגס-פרייד, אַז ער זאָל ווייטער אָנהאַלטן זיין כוח ממשיך צו זיין די „גאָלדענע קייט" פון יידישער שעפערישקייט.

## ווי אַ מתפּלל

דו שפּיגלסט זיך אין פולער פרייד פון דיינע לידער
און טראַכסט, איינגעגלויבט, יאָ ס׳האָט זיך געלוינט
פאַר אַזויפיל טיף־געאַנטע שווערסטער, ברידער,
דיין ליד צו זינגען, ווען אין דיר האָט צער געוווינט.

נאָך חבלי־לידה, צו אַן אומבאַשטימטן גורל,
האָסטו געטרוימט, אַז ליד וועט אָנקומען וואוהין געצילט;
און דערביי אָפט, אין אַ קוועלענדיקער מורא,
ווי אַ מתפּלל ווייטער אין די לידער זיך געהילט.

ס׳האָט זיך געלוינט. אַ וודאי ניט פאַר שכר פון געלט־ווערד,
נאָר פאַר דער דויערקייט וואָס אפשר זיי באַשערט.
ווייל פון אַלץ וואָס שטאַרבט, דאָרט און אַלט־ווערט
איז דאָך תמיד יונג דאָס ליד צו בלייבן אויף דער ערד.

---

פּינטשע בערמאַן

## די באַלאַדע פון אַלטן בוים

אין שאָטן פון בערג, מיט שפּיצן אין הימל,
ווייט פון אַ וועג, פון אַ שליאַך, פון אַ ישוב,
געטוליעט מיט לאַנקעס, פאַרוויגט אין אַ דרימל,
איז געשטאַנען אַן אוראַלטער בוים, ווי אַ כישוף.

אַ זקן — מיט אייביקע פריש־יונגע צווייגן,
געשפּרייט זיך אין הויך, אין דער ברייט, און אַרונטער,
געגרוסט זיך מיט ווינטן, וואָס קומען און שטייגן,
און געשאָטנט דעם טאָל פון זוניקן צונטער.

פאַרטאָג אַרום בוים דאָרט זיך פלעגן צעזשומען
צעפלאַטערטע מחנות פון גאָלדענע בינען;
פאַרנאַכט פלעגן פייגלען פון מרחקים אָנקומען
און מאַכן זיך היימען ביז טיפן באַגינען.

אַמאָל פלעגט פאַרבלאָנדזשען אַ וואָגלער אַ מידער,
אַמאָל אַ צעשראָקענער הערש אַ געיאָגטער,
צו רוען און היילן פאַרמאַטערטע גלידער
פון מענטש און פון חיה, אין ווייי און געפלאָגטע.

אַמאָל אויך פון יונגע צוויי הערצער צעשטראַלטע
פלעגט אויפגיין אַ ליד, און געשטערטע פון קיינעם,
אין געזאַנג פון צווייגן, און הימלען צעפראַלטע,
עס פלעגן זיך לעבנס דאָרט פלעכטן אין איינעם...

פאַר דורות און דורות דער בוים איז געשטאַנען,
ווי אויף חושכע ימען — אַ ליכטיקער טורעם.
מען ווייסט נית פון ווען, פון ווען, און פון וואַנען,
ווי גאָט וואָלט אַליין אים געפלאַנצט און געפורעמט.

גאַנץ ווייט האָט די שטאָט, מיט ווירדע פאַרטרונקען,
דורך נעבלען און כמאַרעס, דורך שטויב און דורך רויכן,
מיט אייזערנע ריפּן און שטאָלענע לונגען,
זיך העכער און העכער געהויבן אין הויכן.

ווי הויך אָבער קען מען צום הימל דערלאַנגען?
מ׳וועט דאָך שוין באַלד דאָרט דערגרייכן די געטער...
און ענג איז געוואָרן... און גרויס די פאַרלאַנגען...
כאָטש גיי אָן אַן אָפּהאַלט, און קלעטער און קלעטער.

און ס׳האָט זיך גענומען די שטאָט צו פאַרשפּרייטן,
און אַלץ אַרום איר, ווי אַ רויבער פאַרנעמען:
אי לאַנקעס, אי זומפּן, אי סעדער, אי בויטן,
קיין שטח פאַרבויגן... קיין שטח פאַרשעמען...

ניטאָ מער קיין סעדער אַרום פון ציטרינען,
ניטאָ מער קיין סעדער פון נים און פון באַרן,
קיין פלאַטער פון פייגלען, קיין זשומען פון בינען,
ניטאָ מער קיין דופטן, וואָס לאָקן, פאַרנאַרן.

די שטאָט, אַזוי ווייט, ביז די בערג איז דערגאַנגען —
נאָר דאָ איז געוואָרן דער וועג אַ פאַרשטעלטער:
אַזוי ווי אין אַ חלום, אין אַ כישוף געפאַנגען,
עס שטייט דאָרט דער אוראַלטער בוים אַ צעהעלטער.

נאָר ווי לאַנג קען אַ חלום דעם העקער פאַרהאַלטן?
ווי לאַנג קען אַ כישוף די צייט וואו אָפּשטעלן?
און ס׳האָט זיך, פון שטאָלענע שאַרפן פון קאַלטע,
צעהיסט אַ טריאומפיקער חוזקער קוועלן...

און ס'האָבן סאַטאַניש דאָרט העק זיך צעלאָזן,
אַזוי ווי פאַרהונגערטע ווילדע שאַקאַלן.
די זון האָט געשיינט... ס'האָט אַ ווינטל געבלאָזן...
און דער אוראַלטער בוים מיט אַ קרעכץ איז געפאַלן.

איצט וויינען צעשראָקענע הערשן אין לויער,
איצט וויינען די בערג, אין בענקשאַפט דערנעבן,
עס וויינען די וואָגלער אין נאַכטיקן דויער,
עס וויינט גאָט אַליין, און אַליין אויך דאָס לעבן...

---

ישראל גובקין

## צוויי עלעגיעס

(אָנדענק — דזשאָן פ. קענעדי)

### די בערג און איך

די בערג טרויערן
ווי איך,
באַדעקן זיי זיך
מיט רויכיקן טוי,
און צייכענען
זייער וויי
מיט פלאַמיקן שניי
אויף גרוי.

און איך
טו אויך אַזוי;
צו פאַרדעקן מיין צער
גרייט איך אַ וויץ
פאַר דזשעקן
דעם פריינדלעכן גוי,
און בינד אוים

### און די זון גייט אויף..

די פאַלמעס אין פענצטער
קוקן פאַרשטאַרט:
ווער האָט אים
און אונדז דאָ
אַריינגענאַרט?
אין אויפשטייג

פון ווערן,
אין רים פון
נישט זיין —
זע, די נאַרישע זון
שיינט שוין ווידער
אַריין.

---

אַ פלאַמיקן שניפּס
אויף אַ העמדל גרוי...

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

הערץ בערגנער

# זיי זיינען נישט שולדיק

(דערציילונג)

יאָסעק מיעלניק איז מיט שווערע פּאַמעלעכע טריט געגאַנגען אַראָפּ פון די שפּיטאָל-טרעפּ. ער האָט געפילט ווי די פיס ברעכן זיך אים אונטער און ער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. נאָך אַ רגע און ער וועט זיך איינברעכן און זיך אַראָפּקוילערן פון די טרעפּ. שוין פינף מעת-לעת ווי דאָס ווייב זיינס גייט צו קינד און דער דאָקטאר האָט אים ערשט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט, צי מען וועט קענען אָפּראַטעוועןביידע — דאָס ווייב מיטן קינד. אויב אַלץ וועט גיין גוט, וועט בלייבן לעבן בלויז דאָס ווייב, אָדער דאָס קינד.

דאָס שפּיטאָל-טויער איז געווען אויפגעמאַכט, אָבער יאָסעק האָט נישט געפונען דעם וועג צום אַרויסגאַנג. אַ שפּיטאָל-שוועסטער האָט אים געמוזט אַרויספירן. אויף דער גאַס האָט יאָסעקן באַגעגנט אַ קאַלטער ווינט, זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, ווי ער וואָלט שוין לאַנג אויף אים געוואַרט. דער ווינט האָט אים געשמיסן דאָס פּנים, געריסן ביי די האָר און זיך פאַרקליבן אין די פּאָלעס פון זיין מאַנטל. אַ דינער רעגן איז טריב געפאַלן פון באַכטיקן הימל. דאָ אויפגעהערט און דאָ ווידער אין דעם קרום אַ שפּריץ געטון. אויף די נאַסע טראָטואַרן האָבן זיך די גאַסן-לאַמטערן און די העל-אָנגעצונדענע רעקלאַמעס געוויגט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

יאָסעק האָט געפילט ווי דער ווייטיק האָט זיך איינגעשניטן אין אַלע זיינע אברים און האָט פאַרשפּאַרט ביי אים דעם האַלדז. וואָס איז דאָס ווייב און דאָס קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, שולדיק אין דעם אַלעמען? וואָס דאַרפן זיי אָפּקומען פאַר די זינד, וואָס זיי זיינען נישט באַגאַנגען? פאַרוואָס האָט זיך די שטראָף אַראָפּגעלאָזט אויף זיי? ער איז דאָך דער שולדיקער און נישט זיי!.. און דאָס עופהלע, וואָס דאַרף ערשט אויף דער וועלט קומען, איז דאָך זיכער גאָט די נשמה שולדיק... ס'איז זיכער ריין פון יעדן חטא... ס'האָט נאָך די וועלט נישט אָנגעקוקט און נישט קיין צייט געהאַט צו באַגיין די מינדסטע זינד...

וועגן זיינע חטאים איז דאָס ווייב ערשט געוואויער געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק און זי האָט געוואָלט באַלד פון אים אַוועק, כאָטש זי האָט זיך געריכט יעדן טאָג אין קינפּעט אַריין. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, זיך איינגעבעטן ביי איר זי זאָל נישט אַוועקגיין פון אים ביז זי וועט האָבן דאָס קינד. נאָך דער קימפּעט וועט זיין די ברירה ביי איר און ער וועט זי מער נישט צוריקהאַלטן. ער האָט געהאַט מיט איר אַ גרויסן קאַמף און ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט באַוויליגט צו בלייבן. אָבער וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס שוין געווען? דאָס ווייב האָט צו אים מער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, זיך ווי געמיאוסט פון אים און זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב ווי צוויי פרעמדע מענטשן...

יאָסעק האָט זיך פּאַוואָליע געשלעפּט איבער די נאַכטיק-טונקעלע גאַסן. די פיס האָבן קוים געקאָנט טראָגן זיין שווערן, איינגעבויגן-גרויסן גוף, וואָס האָט זיך אַלעמאָל אַ וואַקל געטון אויף פאָראויס, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי אומפאַלן. ער האָט אַריינגעקוקט אין די באַלויכטענע שויפענצטער, נאָר ער האָט גאָרנישט

געזעצן. דער קאָפּ איז אים פאַרטון געווען מיט עפּעס אַנדערש. ווי פּלוצים און אומגעריכט ס'זיינען אַנטדעקט געוואָרן זיינע חטאים! ער האָט די חטאים געהאַלטן טיף פאַרגראָבן אין זיך די גאַנצע צייט און זיך פאַר קיינעם נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. אפילו אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד נאָך דער באַפרייאונג, וואו ס'זיינען געווען יידן פון די געטאָס, פון די קאַצעטן, האָט קיינער אים נישט דערקענט. ער האָט זיך דערנענטערט צו אַ פרוי, געזאָלט פאָרן מיט איר קיין אויסטראַליע, נאָר זי איז געשטאָרבן און ער איז געפאָרן אַליין. אין מעלבורן האָט ער חתונה געהאַט און ווייטער געהאַלטן דעם סוד פאַרגראָבן אין זיך. ער איז געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט אַלץ פאַרריבן ווערן און ס'וועט קיינער פון גאָרנישט געוואויער ווערן. כאָטש דאָס געוויסן האָט אים טיילמאָל געפּייניקט און ער האָט זיך געוואָלט אַראָפּריידן פון האַרץ פאַר מענטשן, כדי אַראָפּצעוואַרפן אַביסל די שולד פון זיך, האָט ער דאָס אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן. ער האָט זיך כסדר אַליין אָפּגענאַרט. זאָל זיך אַלץ אַזוי שלעפן און שלעפן... ס'וועט אַוועק איין יאָר און נאָך אַ יאָר און ער וועט אין אַלץ פאַרגעסן...

און דאָ פּלוצים איז אַלץ אַנטפּלעקט געוואָרן און די יידן אין מעלבורן זיינען געוואויער געוואָרן פון זיין סוד. ס'איז געווען אויף אַ בר־מצוה ביי זיינס אַ חבר פון די אַמאָליקע יאָרן. אַזיווי דאָס ווייב איז געווען אויף דער צייט, איז ער אַליין געגאַנגען אויף דער שמחה. די גאַנצע צייט וואָס ער איז געזעסן ביים יום־טובדיק־אויסגעפּוצטן טיש, האָט ער באַמערקט ווי עס שפּיזן צו אים אַריבער צוויי גרוי אויגן פון אַ פרוי. טאָמער קוקט ער דער פרוי אין פּנים אַריין, כאַפּט זי אַוועק דעם בליק, אָבער אַזוי גיך ווי ער קוקט ערגעץ אַנדערש, פילט ער ווידער אויף זיך דאָס שפּיזן פון די פאַרשנדיקע אויגן. ס'האָט אים עפּעס אַ קלעם געטאָן אינעווייניק, נאָר ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער זעט גאָרנישט און ווייסט גאָרנישט. פאַרקערט, ער האָט זיך געמאַכט אַביסל בגילופין און אָנגע־הויבן צו ברומען אַ זמרל. בעת־מעשה האָט ער זיך אָנגעגאָסן איין גלעזל וויין און באַלד אַ צווייטס. אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערזען ווי די צוויי גרויע אויגן דערנענטערן זיך צו אים, ווערן כסדר גרעסער און גרעסער און אָט שטעכן זיי זיך אים אַריין ווילד אין פּנים. אַ משוגע געשריי גיט זיך אַ ריס איבערן גאַנצן זאַל:

— דאָס איז ער, דער מערדער! דער פּאָליציאַנט פון געטאָ, וואָס האָט געהרגעט יידן! וואָס האָט געשלאָגן ווייבער און פּיצלעך קינדער!) ער האָט געשלעפּט די יידן פון באַהעלטענישן אַרויס און זיי געפירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ! ווען נישט ער וואָלטן זיך אַ סך נפשות געראַטעוועט! מערדער! באַנדיט! גיב מיר אָפּ מיין מאַן און קינדער! . . .

אויפן זאַל איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. די צעוואַרעמטע, בגילופינדיק־פריילעכע קולות זיינען פאַרשטומט געוואָרן, ווי איבערגעהאַקט מיט אַ מעסער. עס האָט זיך בלויז ווייטער געהערט דאָס ווילדע געשריי, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען כסדר העכער און זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ וויינענדיק־משונהדיקן כריפּ:

— באַנדיט! רוצח! גיב מיר אָפּ מיין מאַן און קינדער!...

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און די פרוי, וואָס האָט אַזוי היסטעריש גע־שריגן, האָט זיך מיט די הענט געוואָרפן אויף אים, יאָסעקן. מיט די נעגל איז זי אים פאַרפאָרן אין פּנים אַריין און ווען נישט די מענטשן, וואָס האָבן זי פון אים אַוועקגעשלעפּט, וואָלט זי אים אויסגעריסן שטיקער פלייש.

— שטערט נישט די שמחה! פון וואַנען ווייסט איר, אַז דאָס איז ער?!...
— האָבן זיך מער יידן אין דעם טומל אַריינגעמישט — אפשר האָט איר אַ טעות? אַ מענטש קען זיך טועה זיין! דאָ איז נישט דאָס אָרט זיך מיט אים אָפּצורעכע־נען! גייט צו דער קהילה, דאָרטן וועט מען אים משפּטן!
— לאָזט אָפּ די פרוי! זאָל זי זיך אין אים נוקם זיין! אומזיסט טשעפּעט מען זיך נישט צו קיינעם! די פרוי איז נעבעך אַ געליטענע! ס׳טוט איר וויי, האָט זי אַ רעכט זיך אָפּצורעכענען! מן־הסתם האָט זי שוין לאַנג געזוכט דעם העכט... — האָט זיך געטראָגן אַ קול, פול מיט געבייזער און כעס.
— יידן, שלאָגט דעם מערדער! נעמטץ זיך אָן מיין קזשיוודע! נעמטץ זיך אָן די קזשיוודע פון די טויטע! זיי קענען שוין גאָרנישט טון! זיי קענען זיך מער נישט נוקם זיין! — האָט זיך ווידער אַ ריס געטון דאָס געשריי פון דער געליטענער פרוי, און ווען נישט די געסט, וואָס האָבן זי צוריקגעהאַלטן, וואָלט זי זיך נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטון שלאָגן יאָסעקן.
די קולות אויפן זאַל האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, זיך אויסגעמישט, זיך איבער־געשטיגן איינס דאָס אַנדערע:
— לאָזט אָפּ די פרוי! האַלט זי נישט צוריק!...
— ביק, מען טאָר זי נישט אָפּלאָזן! זי קען האָבן אַ טעות! מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן... מען טאָר נישט שטערן די שמחה!
— וואָס מיר שמחה! ווער מיר שמחה מען דאַרף נעמען נקמה, יידן! סאַרנע מענטשן זענט עטץ!
— און אפשר איז ער געווען אַ גוטער פּאָליציאַנט און האָט געהאָלפן יידן! מ׳טאָר אַלץ נישט שטעלן אויף זיך... מ׳דאַרף אים געבן אַ „טשענס" זיך צו פאַר־טיידיקן... מיר טאָרן אים אַליין נישט משפּטן!...
מיטאַמאָל האָט יאָסעק דערפילט ווי עס פאַלן אויף אים קלעפּ פון הענט, קולאַקעס. זיי פאַלן אויף זיין פּנים, אויפן קאָרק, אומעטום וואו עס לאָזט זיך. דערנאָך האָט ער דערשפּירט אַ פייכטקייט אויפן פּנים, וואָס איז געקומען פון אַ שפּיי. ער האָט דאָס שפּייעכץ נישט אָפּגעווישט, געלאָזט עס אויף זיך אפילו דעמאָלט, ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט פונם זאַל. דאָס שפּייעכץ האָט זיך אויסגעמישט מיט די טרערן, וואָס זיינען גערונען פון זיינע אויגן. נאָר איצט, ווען יאָסעק שלעפּט זיך איבער די פינצטערלעכע גאַסן, פילט ער די עקלדיקע קלעפּיקייט פון דעם שפּייעכץ. מיט וואָס פאַר אַ שנאה צו אים האָט דאָס די געליטענע פרוי געטון! אָבער וואָס איז זיין ווייב און דאָס קינד, וואָס איז נאָך נישט אויף דער וועלט געקומען, שולדיק אין דעם אַלעמען? וואָס דאַרפן זיי אָפּקומען פאַר די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען?! זיי דאַרפן נישט באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע חטאים! די פרוי ליידט אַזעלכע גרויסע יסורים. פינף מעת־לעת ווי זי גייט צו קינד און די ליידן זיינען נישט איבערצוטראָגן!... דער געדאַנק, אַז דאָס ווייב קען נאָך אַמאָל שטאַרבן און דאָס קינד נישט געבוירן ווערן, האָט מיט אַ נייעם שאַרפן ווייטיק זיך איינגעשניטן אין אים און אַ שווערע משא האָט זיך אים אַוועקגעלייגט אויפן האַרץ.
אַלע מענטשן, וואָס האָבן מיט אים אַ מגע ומשא, שטאַרבן... די פרוי, וואָס האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן אין די דייטשע לאַגערן, איז אַוועק פון דער וועלט... אין זיינע אויערן הילכן איצט ווידער אָפּ די געשרייען און די געבעטן פון די יידן

אין געטאָ, וואָס מען האָט געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ. ער הערט דאָס געוויין פון זיין ערשטער פרוי, די יללות פון זיינע פּיצלעך קינדער, וואָס זיינען אין זיינע אויגן אומגעקומען. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט ווערן אַ פּאַליציאַנט, וועט ער זיי קאָנען דאַטעווען. אַ שיינער יונג איז ער געווען, אַ הויכער, אַ געראַטענער, האָבן די דייטשן אים בעסער באַהאַנדלט ווי די אַנדערע יידן. זיי האָבן אים אפילו צוגעזאָגט צו העלפן. וואָס־זשע וועט שאַטן די יידן, אַז ער וועט ווערן אַ פּאַליציאַנט? ער וועט זיי קאָנען טון בלויז טובות... פון שטענדיק אָן איז ער געווען אַ טויגער און ס'איז אים אין לעבן גוט געגאַנגען. ער איז געווען אַ רייך זונדל און ביי די עלטערן אין הויז האָט אים פון גאָרנישט געפעלט. אפילו דעמאָלט ווען די מאַמע איז געוואָרן אַן אַלמנה, איז ביי זיי אין שטוב געווען פון אַלעם גוטן. די מאַמע האָט אַליין ווייטער געפירט דאָס רייכע שוך־געשעפט און ער האָט געגראַבלט אין געלט. אפילו דאָס לערנען איז אים גרינג אָנגעקומען און ער איז געווען דער בעסטער שילער אין קלאַס. ער איז אויך געווען דער בעסטער פוס־באַל־שפּילער און די מיידלעך האָבן געקלעפּט צו אים.

קיין שידוך האָט מען אים נישט געדאַרפט ריידן; ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייך און שיין מיידל. האָט ער געמיינט, אַז עס וועט אים שוין אייביק אין לעבן גוט זיין און ער איז געווען זיכער אין זיך. מחמת דעם איז ער אין געטאָ געוואָרן אַ פּאַליציאַנט; געמיינט, אַז ער וועט זיך ווייטער קאָנען אין אַלץ אַן עצה געבן און אויך העלפן אַנדערע. ווען ער איז אָבער געקומען צו דער מוטער מיטן אָרעם־באַנד אויפן אָרבל: „יודען־פּאָליציי", האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך אָפּגעקערט פון אים.

— כ'קען נישט קוקן אויף דיר! — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ באַפעלעריש שטרענג קול — נעם אַראָפּ דאָס פּאַסקודסטווע פון דיר! רייס אַראָפּ דעם שאַנד־פלעק! אַז נישט גיי אַרויס פון מיין הויז! . . .

ער האָט דעם אָרעם־באַנד נישט אויסגעטון און איז געבליבן אַ פּאַליציאַנט אינם געטאָ. ער האָט שפּעטער געוואָלט אַ סך מאָל ווערן אויס פּאַליציאַנט, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען און ער האָט זיך געמוזט כסדר צוהערן צו די געשרייען פון קינדער, פון ווייבער, פון זקנים. ער הערט איצט אין דער פינצ־טערער נאַכט אויף די מעלבורנער גאַסן די דאָזיקע געשרייען. ער הערט די געוויינען פון זיינע אייגענע קינדער, די קרעכצן פון זיין ערשט ווייב. ער פאַר־שטאָפּט זיך מיט די הענט די אויערן, כדי נישט צו הערן די געוויינען און קרעכצן, נאָר זיי רייסן זיך אַדורך און קלינגען אים אין די אויערן ביז טויב צו ווערן. יאַסעק וויל אַנטלויפן פון די געוויינען און ער לאָזט זיך ווילד לויפן איבער די גאַסן, אַז די פאַרבייגייער קוקן אים נאָך ווי אַ משוגענעם — אָבער די געוויינען יאָגן אים נאָך. אין די געוויינען און קרעכצן רייסט זיך אַריין דאָס געוויין פון זיין קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, און דאָס קרעכצן פון זיין מעל־בורנער פרוי, וואָס גייט שוין פינף מעת־לעת צו קינד, און דער דאָקטאר האָט אים געזאָגט, אַז ווער ווייסט, צי זי וועט בלייבן לעבן. ווי קען אַ נאָך נישט געבוירן קינד שרייען? אָבער דאָס קינד שרייט צו אים, אַז עס וויל אויף דער וועלט קומען... עס וויל נישט אָפּקומען פאַר זיינע זינד...

— געוואַלד, כ'וועל משוגע ווערן! כ'וועל עס נישט אויסהאַלטן! ס'איז איבער מיינע כוחות! גאָט, פאַרגיב מיר! כ'בין נישט געווען קיין שלעכטער

פּאָליציאַנט... כ'האָב אויך געטון גוטס מענטשן... די דייטשן האָבן מיך פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן צוגלייך מיט אַלע יידן...

מיטאַמאָל האָט אים אַ געדאַנק אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין, אַז ס'גלייכסטע וואָלט געווען ער זאָל זיך אַליין אָפּטראָגן פון דער וועלט. שוין גענוג געלעבט! ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אים אויף דער וועלט... ער האָט זיך פאַר דעם געדאַנק דערשראָקן, אים געטריבן פון זיך, אָבער אַלעמאָל מער האָט זיך דער געדאַנק באַזעצט אין אים. ס'איז אים קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים, ווייל ער האָט מורא באַקומען פאַרן טויט. אַזויפיל מאָל האָט ער געזען דעם טויט פאַר די אויגן און ער איז שטענדיק אַנטלאָפן פון אים. איצט מוז ער שטאַרבן פאַר זיין פרוי און קינד. זיי טאָרן נישט אָפּקומען פאַר אים!

יאָסעק האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך ווי אויף איינעם, וואָס איז מער אויף דער וועלט נישטאָ. ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך אַליין ווי אויף אַ פרעמדן, וואָס איז פאַרמשפּט צו שטאַרבן. ער איז מער נישט ער, ס'איז אַ פרעמדער מענטש, אויף וועלכן ער האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל.

יאָסעק האָט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן. ס'האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ שטאַרקער רעגן און ער איז געוואָרן אינגאַנצן דורכגעווייקט. שוין עטלעכע מאָל ווי ער איז צוגעקומען צו זיין שטוב, נאָר ס'איז אים באַפאַלן אַן אימה אַריינ־צוגיין אינעווייניק. וואָס וועט ער דאָרט אַליין טון? ערשט ווען אויפן הימל האָבן זיך אַדורכגעריסן עטלעכע בלייכע פּאַסן פון באַגינען, איז ער אַריין צו זיך אין דירה. ס'איז דאָ געווען אָנגעוואָרפן און ער האָט זיך געחידושט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז פאַרן אַרויסגיין האָט ער צוגערוימט. ער האָט דעם שווערן גוף אָנגעלענט אויף אַ שפּיץ בענקל, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ גאַסט אויף אַ ווייל. אַז זיין מידער בליק האָט דערזען אויפן טיש אַן אַלטע צייטונג, האָט ער אויף די ראַנדן אָנגעהויבן אָנצעוואַרפן אָן אַ שום סדר די ווערטער:

— גאָט, נעם נישט צו מיין ווייב... נעם נישט צו דאָס קינד, וואָס איז נאָך אפילו אויף דער וועלט נישט געקומען! שענק זיי דאָס לעבן!... זיי טאָרן נישט אָפּקומען פאַר מיינע זינד... זיי זיינען נישט שולדיק... זיי זיינען נישט שול־דיק... איך בין שולדיק...

דערנאָך איז ער אַריין אין אַלטן בלעכערנעם גאַראַזש, פול מיט שפּינוועבס און פאַרזשאַווערטע כלים. קיין אויטאָ איז דאָ נישט געשטאַנען, ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין אויטאָ. דורך די לעכער אין דאַך האָט זיך געגאָסן דער רעגן. ער האָט לאַנג עפּעס אין אַן אַלטער וואַליזע געזוכט, געפונען אַ שטריק און מיט ציטערנדיקע הענט אים פאַרלייגט אויפן האַלדז. ווען ער האָט אַוועק־געשטופּט פון זיך די אַלטע וואַליזע, איז ער געבליבן הענגען אויף אַ בעליק אונ־טערן דאַך. דער רעגן האָט געפּויקט איבער זיין קאָפּ, אַריינגערונען דורך אַלע לעכער.

נאָכמיטאָג, בעת די קינדער פון די אַרומיקע הייפלעך האָבן זיך געוואָלט גיין שפּילן אין גאַראַזש, האָבן זיי אים געטראָפן הענגען. זיינע פיס האָבן דער־גרייכט די ערד און ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשטאַנען און מיטן קאָפּ אונטערגעשפּאַרט דעם דאַך...

— זעט נאָר, ס'שטייט דאָ ווער!... — האָבן די קינדער זיך דערשראָקן — לאָמיר אַנטלויפן!...

ריקודה פּאָטאַש (ירושלים)

# מזל ניסן

אין ניסן
איז מזל טלה
האָב איך מיין קינד געבוירן,
פון נאָפּל די פרוכט אָפּגעשוירן,
אַזוי ווי אַ בוים
געבוירן דעם טרוים — —

כ׳האָב אָנגעטאָן די הימלען
אין אַטלאַס און זייד!
פרייד געטראָגן צו דער וויג:

נאַ שפּיל!
נאַ זינג!
נאַ קלינג!
אָנגעהאָנגען אַ גלעקל
דעם מזל טלה —
מע - מע - מעע —

נאָר די פליגל פון דער שוואַלב
האָבן טרויעריק געפּאָכעט איבער מיר.
אַזוי בין איך געבליבן שטיין:

געטראַכט.
געוויינט,
געלאַכט..
געשוויגן.

דער טרויער האָט געשריגן:
צו אַזאַ וועלט,
צו אַזאַ גרויל?!

ס׳איז דאָך ניסן!
ווער זאָל דאָס וויסן?

י. פרידלאַנד

# מיט דעם רבינס כוח

(דערציילונג)

— אַנטקעגן דעם וואָס מען זאָגט, אַז די לערע פון פּסיכיאַטריע איז במשך די לעצטע עטלעכע יאָר זייער שטאַרק אין דער מאָדע — זאָגט צו מיר אַנומלטן מיינער אַ נאָענטער שכן, מר. ווינאַקור. די פּסיכיאַטריע — האָט ער ממשיך געווען — האָט גאָר אַ סך באַווירקט דאָס מענטשלעך דענקען, און לאָזט זיך שטאַרק פילן אויף אַלע געביטן פון לעבן: אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין סאָציאַלן לעבן — אומעטום! מען האָט אפילו אָנגעהויבן זיך באַנוצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן מיט אַזעלכע טערמינען ווי „אונטערבאַוואוסטזיין", „אונטערדרדריקטע באַגערן", „קאָמפּלעקסעס" וכדומה.

מיט אָט־דער הקדמה האָט דער שכן מיינער מיך פּאַראינטערעסירט אים אויסצוהערן זיינעם אַ סיפור המעשה, וואָס ווי ער זאָגט, האָט זיך פּאַרלאָפן אין דער אַלטער היים, מיט אַ דריי פערטל הונדערט יאָר צוריק, און ער וויל עס אויך אַריינגעמען אין דער קאַטעגאָריע פון דער פּסיכיאַטריע.

— מיינט ניט — האָט ער פּאַנאַנדער אַנטוויקלט זיין טעאָריע — אַז פּסיכאָאַנאַליז איז אַ שפּאָגל בייע זאַך! שוין אין גאָר ווייטן עבר האָט'ן זיך באַנוצט מיט אָט־דער מעטאָדע. ווייסט איר, אַז דער רמב"ם אין זיין צייט, מיט אַן ערך זיבן הונדערט און פופציק יאָר צוריק, זייענדיק דאָקטאָר און פּסיכאָלאָג, האָט שוין דאַן דערטראַכט זיך וועגן דעם אויטאָנאָמישן נערוון־סיסטעם ביים מענטשן, און אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ פּסיכישער געמיט וואָס באַווירקט דעם פיזישן צושטאַנד פון קערפּער, וואָס ברענגט אים פיזישע ליידן. דער רמב"ם האָט נאָך דאַן געוואוסט, אַז ניט אַלץ קאָן מען היילן מיט מעדיצינען אָדער כירורגיע, נייערט מען דאַרף אויסגעפינען דעם מקור פון די סיבות פון אַזאַ גייסטיקן מצב ביי דער פּערזאָן, וואָס האַנדלט אין געוויסע פאַלן אימפּולסיוו אומנאַרמאַל. דאָס אייגענע האָבן געטאָן דער רוב פון אונדזערע „גוטע יידן" — די רביים.

— איר ווייסט — זאָגט ער מיר — אַז די היינטיקע דאָקטוירים־פּסיכיאַטריקער, זיינען אין דער בחינה פון אונדזערע אַמאָליקע „גוטע יידן", די בעלי־המופתים. זיי פירן אויס די זעלביקע פונקציעס און שליחות. נישט מער די „היינטיקע" באַנוצן די „סאָפע" און לאָזן דעם פּאַציענט ריידן, בעת די רביים האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע אינטואיציע, אַ רוח הקודש... זיי זיינען געווען די אמתע פּסיכאָאַנאַליטיקער; מיט זייער חכמה און חריפות האָבן זיי געהיילט און אַ סך מענטשן באַפרייט פון זייערע פיזישע און גייסטיקע חלאתן און מיחושן...

לאָמיר, בכן, דאָס באַצייכענען ווי אַן הקדמה, און איצט צו דער עיקר המעשה.

— ומעשה שהיה כך היה — האָט ער אָנגעהויבן — אין איינע פון די שטעט פונם תחום־המושב האָט געלעבט, צו יענער צייט, אַן אָרעמע אַלמנה, אַ הענדלערקע פון גרינצייג. געהאַט האָט די אַלמנה צוויי דערוואַקסענע קינדער, אַ יינגל פון זיבעצן יאָר און אַ מיידל פון צוויי־און־צוואַנציק. דאָס יינגל איז געווען אַ גרויסער גולם, אַ ניט דערבאַקענער, ווי מען זאָגט. האָט די אַלמנה אים אָפּגעגעבן צו בערקע דעם „סאַדאָווניק" פאַר אַ שומר, ער זאָל היטן זיין ווייַנשל סאָד.

איר קענט זיך משער זיין ווי „קלוג“ ער איז געווען, אַז די מאַמע האָט אים מיט־געגעבן אַ ברויטל, און אָנגעזאָגט ער זאָל אָנרייסן פאַר זיך אַביסל ווײַנשל פון אַ בוים און עסן צום ברויט. האָט ער איר געענטפערט: „מאַמע, כ׳האָב מורא, בערקע דער סאַדאָווניק האָט איבערגעציילט די ווײַנשל פון די ביימער“...

דערפאַר אָבער איז די מיידל, וואָס זאָג איך מיידל — די מויד — געווען גאָר אַן אַנטיק! אַן אמתע אשת־חיל. גערופן האָט מען זי זעלדע, זעלדע חזיר. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ מויד! אַ קאָפּ און אַ פּנים האָט זי געהאַט אַן אויסטערליש גרויסן; צוויי פולע אויפגעבלאָזענע רויטע באַקן; אַ מויל מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע גרויסע ציינער; אַ שוואַר־לייביקע, מיט גרויסע מאַנסבילשע רגלים; און אַ שעלטערין איז זי געווען — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַן אמתע סעדעבע, אַ שעמערניצע. אַ גאַנצע תוכחה מיט קללות וחרמות האָט זיך תמיד געשאָטן פון איר מויל. זי האָט שוין געהאַט דעם ריכטיקן מענה־לשון, אָט־די מוידוכע! מען האָט געהיט זיך אַרײַנצופאַלן צו איר אין מויל, ווי פון אַ העליש פייער.

די מויד איז שוין לאַנג געוואָרן רואי לברכה, גרייט אַ שידוך צו טאָן; האָט אָבער די אַלמנה קיין סך נדן ניט געהאַט, בסך־הכל אַ הונדערט און פופציק רובל. מיט אַזאַ קליינעם נדן האָט זיך ניט געפונען קיין בעלן אויף אַזאַ פאַרשוינטע. איינמאָל האָט זיך באַוויזן אין שטאָט אַ שניידערל, אַ ניט־היגער, און האָט דווקא יאָ מסכים געווען מיט איר אַ שידוך צו טאָן. דאָס שניידערל האָט אָבער געהאַט אַ שטיקל פּגם, וואָס ער האָט נישט געטאָרט אויסטאָן דאָס היטל ר״ל, ער האָט געהאַט, ווי איר שטויסט זיך שוין אָן, אַ היפּשן פאַרך, כ׳בעט אייך איבער אייער כבוד. זעלדע האָט זיך תיכף אָנגעכאַפּט אַן דעם אוצר.

— נישקשה, כ׳על שוין מאַכן פון אים אַ לאַט! — האָט זי אויסגערופן — לאָזט עס איבער צו מיר!

הכלל, מ׳האָט געפּראַוועט אַ חתונה, אַן אָרעמע חתונה, אָבער כדין וכדת...

תיכף נאָך דער חתונה האָט זעלדע גענומען דעם מאַן אירן און איז אַוועק מיט אים קיין וואַרשע אויסצוהיילן דעם פּגם. אָנגעזאָמט זיך דאָרטן עטלעכע וואָכן, זיינען זיי קריק געקומען פון וואַרשע, פיקס און פאַרטיק, עפענען אַ שניי־דעריי. זעלדע האָט גלייך געדונגען אַ דירה, מיט אַ פאַרדנעם אַרײַנגאַנג, און אַרויסגעהאָנגען אַ שילד מיט צוויי גרויסע אויפשריפטן, אין פויליש און אין רוסיש:

„ק ר אַ װ ע ץ  װ אַ ר ש אַ װ ס ק י“

„װ אַ ר ש אַ װ ס ק י  פּ אַ ר ט נ אָ י“

דעם מאַן אירן, דאָס שניידערל, האָט זי אַוועקגעזעצט בײַם געניי און אַליין האָט זי אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען. אַ שניידערל איז ער געווען אַ גאָר גוטער און געניט האָט ער לויט דער דאַן פּאַריזער מאָדע. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־ווייזן פּריצים און פּוילישע שלאַכטעס מיט באַשטעלונגען און... ס׳איז געוואָרן בײַ זיי אַ גאָר גרויסע שפע. זעלדע האָט אָנגעשטעלט וואָס אַמאָל מער פּועלים־חייטים און האָט געפירט דאָס פאַבריקל זייער שטרענג; די אַרבעטער שטאַרק עקספּלאָ־טירט, געצאָלט זיי אַ קלעגלעך־בישטיקן לוין מיט אַ מאָגערן עסן, קוים צו דער־האַלטן די נשמה. זי פלעגט זיי ממש צוטיילן דעם ביסן און געאַרבעט האָט מען בײַ איר זייער לאַנגע שעהן, פון קאַיאָר ביז שפּעט אין אָוונט.

זעלדע איז פון יאָר צו יאָר אַלץ רייכער געוואָרן, און וואָס מער עשירות זי האָט דערוואָרבן אַלץ האַרבער און גייציקער איז זי געווען. מיט דער שניידער־שאָפּ אַליין האָט זי זיך נישט באַנוגנט. זי האָט אויך אָנגעהויבן לייען געלט אויף פּראָצענט — אַ וואָכערניצע געוואָרן, און געשונדן די הויט פון די וואָס האָבן געדאַרפט נעבעך צו איר אָנקומען.

די אַרבעטער האָבן זיך שטאַרק אָנגעליטן פון איר. פלעגט אַ פּועל, פון שווערער מידקייט, אַ דרימל טאָן ביי דער אַרבעט, איר אָדלער אויג האָט עס גיך באַמערקט און זי איז תיכף אויסגעוואַקסן נעבן אים און מיט אַ גרויסער נאָדל אים אַ שטאָך געטאָן אינם כ״בעט איבער אייער כבוד... די שנאה פון די אַרבעטער צו איר איז גוואַלדיק שטאַרק געוואָקסן, האָבן זיי געזוכט די געלעגנהייט אָפּצו־רעכענען זיך מיט אָט־דער מרשעת.

איינמאָל האָבן אירע אַרבעטער צוזאַמענגערעדט זיך מיט אַ חברה אַרבעטער פון אַנאַנדער פאַבריקל, אַז מען מוז אָט די פּיאַווקע אַזוי אָנלערנען, אַז זי זאָל האָבן צו געדענקען. ס׳איז חברה געלונגען זעלדען צו פאַרנאַרן, דורך עפּעס אַן אויס־רייד, צום נידריקן טייל פון שטאָט און מ׳האָט זיך אָן איר שטאַרק בוקם געווען: מען האָט זי היפּשלעך צעממיתט. זי איז אַרויס פון זייערע הענט מיט בלויע אונטערגעשלאָגענע אויגן און אונטערגעהאַקטע זייטן זעלדע האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין בזיון און חרפּה; זי איז אָנגעגאַנגען מיט איר רשעות און גייציקייט, נאָך מיט מער רוגזה. איר עשירות איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. כמעט אַ האַלבע שטאָט איז געווען ביי איר פאַרמשכנט.

* * *

במשך פון יאָרן איז ביי איר אַ טאָכטער אויסגעוואַקסן, ראוי לברכה, האָט זעלדע, פאַרשטייט זיך, געוואָלט שוין איינקויפן זיך אין יחוס. געלט האָט זי געהאַט לרוב, האָט זי איינגעהאַנדלט אַ געבילדעטן יונגנמאַן, אַ חתן פאַר איר טאָכטער. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, אַז זי האָט אַביסל גרינגער גע־מאַכט איר פאַרהאַרטעוועטע האַרץ, נאָכגעלאָזט איר קמצנשקייט, און ביי דער חתונה האָט זי אויסגעטיילט אַ פרייען מאָלצייט פאַר די שטאָטישע אָרעמעלייט און בעטלערס.

איר טאָכטער האָט צו דער באַשטימטער צייט מיט מזל אַ צווילינג געבוירן און במשך פון צייט נאָך אַ פּאָר יינגלעך, און אַזוי איז זעלדע באַגליקט געוואָרן מיט פיר אייניקלעך...

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. ס׳איז אָנגעקומען נייע צייטן: „נייע פויגל, נייע לידער״! ס׳האָט זיך באַוויזן דער „בונד״, די „חובבי ציון״; רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט, און ס׳האָט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט אויסגעלאָזן זעלדעס פאַבריקל. אירע געזעלן זיינען אַרויס אין שטרייק, אַרויסגעשטעלט באַדינגונגען: העכערע שכירות, בעסערע „קעסט״, קירצערע שעהן און מענטשלעכערע באַהאַנדלונגען. זעלדע איז מיטאַמאָל שטאַרק מבולבל געוואָרן, שאַקירט און אויפגערעגט:

— ביי מיר אַ שטרייק?! — האָט זי געשריגן און פּראָטעסטירט. איר ערש־טער אימפּולס איז געווען צו לויפן צו דער פּאָליציי, פאַרמאָסערן די אָנפירער, אַז זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן, מורדי במלכות! — פאַרשפּאַרן אין תפיסה דאַרף מען זיי — האָט זי געליאַרעמט. זי האָט זיך אָבער תיכף דערמאָנט, וואָס פאַראַ מיאוסן

סוף זלמן פראָסקאָווער, דער שיך־פאַבריקאַנט, האָט געהאַט פון די זעלביקע חברה. מיט „אַלין" האָט מען אים דאָס פּנים זיינס באַגאָסן און טאָטאַל בלינד געמאַכט! פאַר אַזאַ סוף האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן און איז בליץ־שנעל אַוועקגעלאָפן צו איר שטענדיקן בעל־יועץ, הערשל דער מעקלער, זיך האַלטן מיט אים אַן עצה. הערשל מעקלער האָט געַ'עצה'ט נאָכצוגעבן, און זעלדע האָט געפאָלגט.

מיט דעם אַליין האָט זיך אָבער נישט געענדיקט איר קאַמף מיט דער נייער צייט! דאָס איז געווען דער בראשית פון איר באַרג אַראָפּ. זי האָט געהאַט געַנוג אויסצושטיין פון די „ברידער און שוועסטער", ווי מ'האָט זיי גערופן. מ'האָט רק געזוכט פון איר נקמה נעמען פאַר איר גייציקייט און רשעות.

איינמאָל האָבן אַ דריי חברה־לייט פון די „דאָזיקע" אַריינגעריסן זיך צו איר אין הויז פאַר אַן עקספּראָפּריאַציע:

— זעלדע חזיר — האָבן זיי אויסגערופן: געלט אָדער דיין לעבן! און גע־האַלטן אַנטקעגן איר געלאָדענע רעוואָלווערן. זעלדע האָט מער נישט געהאַט אין הויז ווי פינף הונדערט רובל מזומן, האָט זי זיי געגעבן. — ניט גענוג, זעלדע. מיר דאַרפן האָבן נאָך פינף הונדערט, אַרויסצונעמען איינעם פון תּפיסה, וועלכער איז פאַרמאַסערט געוואָרן פון אַזאַ חזיר ווי דו. זי האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט זי האָבן גרייט פאַר זיי די אַנדערע פינף הונדערט.

זעלדען איז דאָס לעבן ממש ניט ניחא געוואָרן. זי האָט אַלץ נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַזאַ זאַך ווי גאָר נאָכגעבן עמיצן, בפרט נאָך ווען מען שטעלט איר אַרויס פאָדערונגען — אַן אָפענע גזילה, אַן אמתע רויבעריי! וואו איז עס געעהרט געוואָרן אַזעלכעס? — האָט זי געשטורעמט און געליאַרעמט!

ס'האָט זעלדען אָנגעהויבן גיין „מיטן פּוטער אַראָפּ". נאָך אַנדערע צרות און אָנשיקענישן האָבן זיך אָנגערוקט אויף איר משפּחה: דער זון, פון דער טאָכ־טערס צווילינג האָט פּלוצלונג באַקומען אַ צרעת, אַ קרעציקייט. קיין רפואה האָט אים נישט געהאָלפן. האָט די שנור אים אָפּגעגט. די טאָכטער און מוטער פון דעם קרעציקן זון, האָט אָנגעהויבן שטאַרק ליידן פון דער צוקער קראַנקהייט, און זעלדען האָט עס אָפּגעקאָסט אַ גאַנצער „מאַיאָנטעק"; איבערגעטאָן כּל המיטלען שבעולם, און ס'האָט איר נישט געהאָלפן. דאָס עלטערע אייניקל איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן און איז דערנאָך געקומען אַהיים, אַן אויסגעשטודירטער — סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, און האָט רק געשטורעמט קעגן דער באַבעס עשירות, און האָט נאָך צוגעהאָלפן זיינע גויאישע חברים, מ'זאָל ביי דער אייגענער באָבען זיינען, זעלדען, מאַכן אַן עקספּראָפּריאַציע. זעלדען האָט עס ממש אויס מענטש געמאַכט און האָט מוראדיק פון דעם געליטן.

—ס'טייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? — האָט זי געקלאָגט און געליאַרעמט — אייגן בלוט! אויסגעהאָדעוועט אַ בלוטיקן שונא פאַר זיך!..

און אין צוגאָב צו דעם אַלעם, איז דאָס יינגסטע אייניקל אירס, אַ ביס געטאָן געוואָרן פון אַ הונט אין גאַס, און פאַר גרויס שרעק איז עס פאַר קיין שום מענטשן געדאַכט, קראַנק געוואָרן אויף דאָס „פאַליקע".

אָט־די אַלע חולאתן און צרות, וואָס איז ווי אַ וויסטע קללה פון דער השגחה אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף איר הויז און משפּחה, האָט אויף זעלדען אַ מוראדיקע און אַנגסטיקע שרעק אָנגעוואָרפן. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ מעלאַנכאָלישע און מורא באַקומען פאַר איר אייגענעם שאָטן. זי האָט אָנגעהייבן גלויבן, אַז דאָס

קומט זי אָפּ פאַר די האַרבע זינד וואָס זי איז אין לעבן באַגאַנגען קעגן אירע מיט־מענטשן. זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און מיט וואָס זיך צו העלפֿן. איז זי ווידער געלאָפֿן פון איר בעל־יועץ, הערשל דער מעקלער, און אין גרויס פאַרצווייפלונג זיך געבעטן ביי אים:

— לויף, הערשל, צום רבין, נאַ, נעם מיט הונדערט רובל, בעט דעם רבין ער זאָל מתפלל זיין פאַר מיינע קינדער, אַז די אַלע חולאתן און פּלאָגן זאָלן זיך אָפּטאָן פון זיי. דער אַלטער רבי, ר׳ שניאורל ז״ל, האָט איר געלט נישט געוואָלט נעמען.

— גיי, הערשל, צו מרת זעלדע די נגידתטע און פאַרזאָג איר, אַז זי מוז זיך מטריח זיין און אַריבערקומען צו מיר. גיי, הערשל, כ׳דאַרף נישט איר געלט!

זעלדע איז תיכף געקומען צו לויפן צום רבין מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ שולד־געפיל פאַר אירע פריערדיקע מעשים רעים, איז זי הכנעהדיק געשטאַנען, כעני בפסח. דער רבי האָט זי פאַרבעטן אין זיין חדר מיוחד, האָט אויסגעהערט אירע צרות און בקשה. מיט געוויין און חרטה האָט זי געוואָלט אים אויסרעכענען די באַגאַנגענע זינד אירע.

— דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט מתוודה זיין, זעלדע — האָט דער רבי איר אָפּגעשטעלט — כ׳ווייס, כ׳ווייס אַלץ פון דיינע מעשים תעתועים; מעשים אשר לא יעשו!... כ׳וועל בעסער אויסרעכענען פאַר דיר אַ צעטל, ניט פון די מעשים רעים וואָס דו האָסט איבערגעטאָן במשך פון דיין לעבן, נייערט פון די מעשים טובים, וואָס דו אין דיין מצב האָסט געקענט און געדאַרפט טאָן, און נישט געטאָן.

— האָסט אָנגעזאַמלט אַ גרויס עשירות, זעלדע! ווער האָט פון דעם מהנה געווען? האָסט קיינמאָל פאַר קיין שום זאַך נישט מנדב געווען אין דיין לעבן, סיידן מ׳האָט מיט גוואַלד פון דיר עפּעס אַרויסגעריסן. לויט דיין עשירות האָסטו געדאַרפט שטיצן דעם בית־החולים, געבן אויף מעות־חטים און פדיון־שבויים; האָסט בכלל נישט געטאָן קיין שום מעשים טובים, ווי אַ מענטש, ובפרט אַ ייד דאַרף טאָן..

— וואָס זאָל איך טאָן, הייליקער רבי, וואָס זאָל איך טאָן? גיט מיר אַן עצה, רבי. כ׳על אויספאָלגן אַלץ וואָס איר׳ט מיר הייסן — האָט די ביז איצט, אומ־פילנדיקע, שטיין־האַרטע זעלדע, זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט — אַבי פון מיין משפחה זאָל אָוועקגענומען ווערן די קללות וחרמות, וואָס דער אויבערשטער, כ׳בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען, האָט אויף מיר אַראָפּגעשיקט...

— וויפיל איז ווערט דיין פאַרמעגן, זעלדע? — האָט דער רבי, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת, זי אַ פרעג געטאָן — אַ פערטל מיליאָן רובל, יאָ? פון דעם דאַרפסטו על־פּי־דין ויושר, געבן מעשר פולע צען פּראָצענט אויף אָט־די אַלע זאַכן, וואָס כ׳האָב דאָ אויסגערעכנט. און בעיקר זאָלסטו ניט פאַרפעלן די מצוה פון פדיון־שבויים. אַז דו וועסט אויספאָלגן אָט־די אַלע מצוות און טאָן מעשים־טובים, וועט השם יתברך זיך אויף דיר מרחם זיין, און דו, דיין טאָכטער און דיינע אייניקלען וועלן געזונט ייערן.

זעלדע האָט דערנאָך געבראַכט אירע קינדער צום רבין, ער זאָל זיי בענטשן פאַר אַ רפואה שלמה. די טאָכטער מיט דער צוקער־קראַנקהייט האָט דער רבי פאַרשריבן אַ ספּעציעלע דיעטע; דעם אייניקל, וואָס האָט באַקומען דאָס „פאַליקע״ ר״ל, זינט דעם ביס פון אַ הונט און ס׳איז געבליבן ביי אים אַן איינגעוואָרצלטע

שרעק און מורא פאַר הינט, האָט ער געֶ'עצהט, צו האַלטן ביי זיך כסדר זיסקייטן, צוקערלעך, און וואו נאָר ער וועט זען אַ הונט, זאָל ער אים מכבד זיין מיט דער נאַשעריי, און אַזוי אַרום וועט דער הונט ווערן פריינדלעך; די מורא וועט צובעס־לעך פאַרשווינדן און וועט פון דעם מיחוש זיך איינגאַנצן באַפרייען. דעם גאָר עלטערן, וואָס איז קרעציק געוואָרן, האָט ער געגעבן אַזאַ שמירעכץ און אים מתרה געווען, ער זאָל ניט פאַרפעלן זיך זאַלבן און האַלטן זיך ריין, וועט ער פון דעם פגם מיט דער צייט פטור ווערן. און, מיט דעם פלאַם־פייערדיקן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט דער באָבען זיינער געבראַכט אַ סך בזיון און האַרצווייטאָג, האָט דער רבי געהאַט מיט אים לענגערע שמועסן און האָט אָנגעוויזן בפועל ממש, ווי ווייט ער איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ פרעמדן, נישט־יידישן גלויבן; אַז ער דינט ר"ל צו אַן עבודה־זרה; אַז זיינע ניט־יידישע חברים פריידי־קער, אונטערן מאַנטל פון וועלט־באַפרייאונג, האָבן שוין נישט איין מאָל פאַר־שפרייט יידן־האַס און געהעצט אפילו צו פּראָגראָמען! מחמת „דער צוועק האָט געהייליקט דעם מיטל"...

— זון מיינער — האָט דער רבי פאָטערלעך אים באַרירט — באַפריי פריער דיין אייגן פאָלק. אָן אונדז יידן וועט קיינמאָל קיין מניעה ניט זיין! מיר וועלן תמיד זיין גרייט פאַר דעם „באחרית הימים"! טראַכט זיך אַריין, זון מיינער, אין די רייד וואָס איך האָב געטאָן צו דיר ריידן. .

דעם רבינס רייד איז נישט געווען לאיבוד. ער האָט אַזוי שטאַרק משפיע געווען אויף דעם יונג־אויפגעהייטערטן רעוואָלוציאָנער, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט איז דער בחור געוואָרן אַ הייס־פלאַמיקער חובב־ציון און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ערשטער גרופּע חלוצים, פון דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל.

זעלדע האָט אויסגעפאָלגט דעם רבינס עצות; האָט אָנגעהויבן געבן צדקה און בכלל געטאָן מעשים טובים. בעיקר האָט זי אַ סך געטאָן פאַר פדיון־שבויים, און געגעבן האָט זי שטיל, ווי אַ מתן בסתר.

איינמאָל האָט די אָרטיקע פּאָליציי אַרעסטירט אַ יידישן בחור, אַן איין־און־איינציקן פון אַן אָרעמער אַלמנה, ביי וועלכער ער איז געווען איר ברויט־געבער, איר שיצער. די אַלמנה האָט, נאַטירלעך, שטאַרק געיאָמערט אויף איר אומגליק. זעלדע האָט זיך דערוואוסט פון דעם, און דורך איר שתדלנות און געלט, איז דער אַלמנהס זון באַפרייט געוואָרן. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען עטלעכע אין שטאָט. הגם זי האָט עס געטאָן אין דער שטיל, מען זאָל נישט וויסן, האָט מען זיך דער־וואוסט. זעלדע איז באַוואוסט געוואָרן ווי די באַשיצערין און אויסלייזערין פון די אָפט אַרעסטירטע פון דער אָרטיקער מאַכט

די מצוה פון פדיון שבויים איז געוואָרן ביי איר אַ חוק ולא יעבור, ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן...

ווען אונדזער לאַנד איז שוין ענדלעך אויפגעריכט געוואָרן ווי אַן אייגענע מלוכה און איך האָב שוין אויך זוכה געווען צו באַזוכן ישראל, האָב איך מיר דאָרטן, פאַרשטייט, באַגעגנט מיט אַ צאָל פון מיינע בני־עיר ביי אַ שמחהלע. בינֵי־לבינו האָבן מיר זיך נאָסטאַלגיש דערמאָנט וועגן די כלערליי טיפן און פאַרשוינען פון אונדזער שטאָט אין דער אַלטער היים, און אַוודאי האָבן מיר ניט פאַרגעסן זיך צו דערמאָנען אָן דער אויסטערלישער „זעלדע חזיר" און אירע מעשים תעתועים,

מיט וועלכער ס'האָט גע'שמ'ט דאָן די שטאָט. און.. נאָר מיט דעם כוח פון רבין איז זי ענדלעך געוואָרן אַ חוזר-בתשובהניצע און אָנגעהויבן טאָן אַ סך מעשים טובים.

צווישן דער קליינער מסיבה פון מיינע בני-עיר האָט זיך אויך געפונען זעל-דעם איניקל, אַט-דער דערמאָנטער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, וואָס איז שוין איצט אין ארץ פון די ותיקים; און ער האָט מוסף געווען צו אַט-די נאָסטאַלגישע זכרונות אַז: דער רבי ר' שניאורל איז ניט געווען סתם אַ רבי, ווי געוויינלעך, דער גייסטיקער מדריך פון זיין קהילה, בייערט ער האָט ווי מיט אַ שם-המפורש אָפּגעגומען כלערליי חולאתן און מיהושן פון גייסטיק קראַנקע און געמיט צערו-דערטע; פאַרלאָרענע אַרויפגעפירט אויפן דרך הישר. ער האָט גאָר אַ סך משפיע געווען, אַז איך, דער פאַרגויאישטער, אַסימילירטער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, וואָס האָב שוין געדענקט אַז אַט-אַט און מיר פאָרן גלייך אַריין אין דעם גן-עדן פון פעלקער-ברידערשאַפט, פרייהייט און יושר פאַר אַלע מענטשן-קינדער, האָט דער רבי, מיט זיין קלאָרער וויזיע און שכל-הישר, מיך אַרויפגעפירט אויפן דרך-המלך, און דערפירט מיך צו אונדזער אַלט-ניי-לאַנד — ארץ-ישראל...

* * *

מיין שכן, מר. ווינאַקור, האָט פאַרענדיקט זיין סיפור-המעשה און מיט אַ נצחונדיקן בליק זיך צו מיר געווענדעט:

נו, דענקט איר ניט, מיין פריינט, אַז שוין גאָר, גאָר אין וויטן עבר, האָבן אונדזערע רביים און „גוטע יידן" געוואוסט און פאַרשטאַנען ווי צו היילן גייסטיק קראַנקע, צערודערטע געמיטן און פאַרלאָרענע נשמות, און אפשר מיט נאָך אַ גרעסערן פועל-יוצא פון די הייניקע מאָדערנע פסיכאָ-אַנאַליטיקער?...

כ'האָב אים געגעבן מיין שטילע הסכמה און אים פריינדלעך באַדאַנקט פאַר דער געלעגנהייט צו הערן פון אַט-דער אויסטערלישער סיפור-המעשה.

---

משה עטינגער

## — ספקות —

„רבונו דעלמא,
עס איז אַ נישטיקע וועלט!
דעם רשע איז גוט,
דעם צדיק איז שלעכט;
איוב איז טויט, זיין טענה איז גערעכט."

דער גמרא-מלמד, מאיר גאָט,
גלעט די קאַלטענעוואַטע באָרד,
זשמורעט די פרומע אויגן,
די נאָז מיט טאַבאַק פאַרצויגן,
ער קנעלט.

אַלטער, זיין זון, אין אַ ווינקל זיצט,
ער דרייט די מיל, מאַלט די גריץ,
דאָס ווייב אין אַלקער קאַשעוואַרעט,
וויגט זיך אַלטער און קלאָגט:
„די פלוגתא פלאָגט,
דעם רשע איז גוט,
דעם צדיק איז שלעכט.
איוב איז טויט, נאָר זיין טענה איז גערעכט."

זי עגבערט דעם מוח, אין האַרצן זי שטעכט,
רחמנא לצלן!...

נח גאָלדבערג

# דור הולך ודור בא

(דערציילונג)

דאָס דאָרף האָראָדיעץ איז געלעגן אויף אַ גלייכן שטח ערד. פון איין זייט איז געלאָפן אַן אַלטער, אָליכאָווער וואַלד. די בוימער: הויכע און גראָבע — האָבן ווי אַרומגעפּויזעט פון די אייגענע הויטן, און פון די צעקאַרבטע קאָרעס האָבן זיך אַרויסגעזען זייערע רויטלעכע, הילצערנע לייבער. פונם אַנדערן זייט דאָרף איז שטיל און רואיק געלעגן אַ קליינע אָזערע, מיט אַ שטייענדיקן, כמעט פאַרשימלטן, גרינעם וואַסער. לענג אויס האָבן וואַסער-בלומען, מיט ריזיקע, ברייטע, גרינע בלעטער, אויסגעשפּרייט סטעזשקעס, און ניט די פּויערים פון דאָרף, און אַוודאי ניט ברוך, דער איינציקער ייד, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין האָראָדיעץ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָבן געוואוסט פונוואַנען די דאָזיקע בלומען פלעגן זיך נעמען אין די פרילינגס און זיי פלעגן פאַרפאַלן ווערן אין די האַרבסטיקע טעג.

אַרום פּסח צייט. די ערד איז נאָך געשטאַנען אַ פאַרקאָוועטע און די אָוונטן אין דאָרף האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שטיל און פויל און פאַרטונקלט די נידריקע כאַטקעס. אין איינעם אַן אָוונט האָט ביי ברוכן אין שטוב געברענט הער צוועלפער קעראָסין לאָמפּ און געוואָרפן שעמעוודיקע פלעמלעך אין די אויסגעוואַשענע שויבן און באַלויכטן אַ בערגל מיט מיסט הינטער די פענצטער.

ברוך, אַ הויכער ייד מיט אַ רויטער באָרד און אַדערדיקע הענט, איז זיך רואיק געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי פון דער שפּאָדקע, מיט די אויסגעמאָלענע כינערלעך ביי די ברעגן. ער האָט אָפּגעבאָדן זיינע שפּיץ-וואָנצעס אין דער שפּאָדקע. נאָך יעדן זופּ האָט ער פּאַסמאַקעוועט מיט די גראָבע ליפּן, הנאה געהאַט פונם וואַרעמען געטראַנק און פון דער געלער גאָמולקע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, מיט אָפּגעשטופּעטע ברעגן. אין מיטן דערינען האָט זיך די טיר צעעפנט און אין שטוב אזז אַריינגעקומען דער דאָרפישער „סטאַראָסטע" מיט נאָך אַ פּאָר פּויערים און אַראָפּגענומען די קוטשמעס פון די קעפּ:

— אַ גוטן אָוונט דיר, ברוכקע!

ברוך האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויף זיינע שפּיצן וואָנצעס זיינען טייטראָפּנדלעך געבליבן הענגען. ער האָט געוואוסט, אַז אומזיסט וועט דער „סטאַראָסטע" צו אים ניט קומען, איז ער אויפגעשטאַנען אַביסל אַ צעטומלטער און זיי אַנטקעגן געגאַנגען:

— אַ גוטן אָוונט, אַ גוט יאָר אויף אייך, טאַראַס יעפּימיטש! מסתמא שוין ווידער אַ „נאַלאָג"! רק גיב און גיב! וואו וועל איך דאָס נעמען, אַז מיין אייבערנדיקע בהמה האָט געהאַט אַ ביקל און ניט קיין קעלבל?...

דער „סטאַראָסטע", אַ מענטש אין די הויכע פופציקער, מיט אַ קודלעוואַטער סיווער באָרד און מיט נייע לאַפּטשעס אויף די פיס, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעבלייכט לייוונטענע אָנעצעס, האָט פון בוזים-קעשענע אַרויסגענומען דאָס מאַכאָרקע זעקעלע און פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס:

— אָט טאַקע צוליב דעם זיינען מיר געקומען. דו, ברוכקע, ווייסט דאָך,

אַז זינט זאַכאַרס בוהאַי איז געפאַלן, האָבן מיר קיין לייטישן ביקל ניט געהאַט.

— אַנטקעגן וואָס דערציילט איר דאָס מיר, טאַראַס יעפימיטש? — איז אים ברוך אַריינגעפאָרן אין די רייד, ניט וויסנדיק וואוהין יענער האָט געצילט.

— איך זאָג דאָס, אַז דו זאָלסט ניט אַריינפאַלן אַן עלטערן מענטשן אין די רייד, ווי אַ האָן אין אַ מיטעליצע! דאָס דאַרף האָבן אַ בוהאַי צי ניט? און פאַר דינגען ביים פּריץ זיין „זאַגראַניטשנעם" בוהאַי, פאַר יעדן „לויפן זיך" מוזן מיר צאָלן מיט אַ פּוד קאָרן, צי מיט אַ פאָר זעקלעך קאַרטאָפל. מיר זיינען אָרעמע מענטשן און טאָמער האָט אַ פּויער ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, מעג זיין בהמה אויסציען די קאָפּיטעס...

ברוך איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ צעעפנטן מויל, מיט צעלופּעטע אויגן און ניט געוואוסט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך:

— איז וואָס ווילט איר פון מיר?

— מען זאָגט יאַקאָבי, אַז יידן זיינען קלוגע מענטשלעך, מיט פאַרשפּיצטע קעפּעלעך— האָט דער „סטאַראָסטע" געצויגן די ווערטער, ווי פון אַ ביכל אַרויס — און דו, ברוכקע, טאָפּטשעסט גאָר אין דער פינצטער? וואָס איז דאָ צו ריידן? דיין ביקל איז שוין באַלד אַ יאָר אַלט. ער איז אַ שיינער, אַ געזונטער. נו? פאַרשטייסט דאָך, אַז דאָס זיינען מיר געקומען אים דינגען ביי דיר. ביזט דאָך פאָרט אַ שכן, אַן אייגענער מענטש און מיר ווייסן, אַז דו וועסט אונדז ניט אַזוי באַרייסן ווי דער הינטישער שליאַכטשיץ (פּריץ)...

ברוך האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ זאַך, האָט ער גלאָמפּעוואַטע אָנגעקוקט סיי דעם „סטאַראָסטע" און סיי די אַנדערע צוויי פּויערים און אַ באַליידיקטער געענטפערט:

— וואָס? נעמען געלט פאַר דעם ביקלס „לויפן זיך"? יידן האַנדלען בישט מיט גאָטס גאָב!...

נאָר שרה־באַשע, ברוכס ווייב, אַ יידענע מיט אַזעלכע לאַנגע הענט ווי קאַראַ־מעסלעך, איז ווי אויסגעוואַקסן נעבן איר מאַן. אים אַ צופּ געגעבן ביים אַרבל און מיט אַ מענערשער שטימע אָנגעהויבן מוסרן:

— פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע ניט נעמען קיין געצאָלט? וואָס זיינען מיר עס, די ראָטשילדס? ביזט דאָך אַ טאַטע פון דערוואַקסענע טעכטער. שוין צייט צו טראַכטן פון תכלית. וואו וועט מען דאָס פאַר זיי נעמען נדן? אַ בייער צדיק געוואָרן! דעם פּריץ מעג אָנשטיין און דיך ניט?!...

ביי ברוכן אַרום האַלדז זיינען די אָדערן אָנגעלאָפן ווי בלויע שטריקעלעך:

— דאָס איז ניט דיין עסק! אַ יידענע דאַרף זיך ניט אַריינמישן אין אַזעלכע „געשעפטן"; אַ נייע פּרנסה געוואָרן?!...

דער „סטאַראָסטע" האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מאַן און ווייב קריגן זיך. ער האָט אַריינגעלייגט אַ פאָר פינגער אין באָרד. פון דאָרטן אַרויסגעלאָנטערט עטלעכע מאַכאָרקע קערנדלעך און איז הכנעהדיק צוגעגאַנגען צו שרה־באַשען:

— ווער וויל דאָס אומזיסט? דו, שרה־באַשקע ווייסט דאָך דעם אמת: עמי־צער פון אונדז האָט מער ווי איינע אָדער צוויי בהמות? נו? האָבן מיר געמיינט, אַז דיין ברוכקע וועט אונדז ניט באַוואָלהן פאַרן דינגען אייער ביקל. אפשר וועט גאָט העלפן און פון אייער ביקל וועט דאָס דאָרף אויפגעריכט ווערן. מען זאָגט טאַקע, אַז יידן זיינען מזלדיק...

שרה־באַשע האָט מיט כעס אין די אויגן אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן:

— זאָג אַ מקח! צדיק מיינער! דעם פּריץ מעג אַנשטיין?...

אַנשטאָט צו ענטפערן איר, האָט זיך ברוך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום „סטאַראָסטע“:

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז קיין געלט וועל איך דערפאַר ניט נעמען. אַ נייער מסחר! אויב עמיצער וועט וועלן האָבן דאָס ביקל, וועט ער קאָנען קומען און אים נעמען.

קוים באַנומען ברוכס רייד, האָט דער „סטאַראָסטע“ מיט חשד אַ בליק געגעבן אויפן יידן און אַנגעהויבן קראַצן זיך אין דער פּאַטילניצע:

עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק!... אומזיסט שערט מען ניט קיין שעפּסן!... נאָך נעכטן ביינאַכט האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דעם ערשטן און אפילו דעם צווייטן יאָר וועלן מיר דיר צאָלן פאַר יעדן „לויפן זיך“ מיט אַ האַלבן פּוד קאָרן און מיט אַ זעקל קאַרטאָפל, און אין מיטן דרינען ווילסטו גאָרניט קיין געצאָלט?! ניט שיין אַזוי צו באַהאַנדלען אייגענע מענטשן! . . .

ווען ברוך האָט איינגעזען אַז ער וועט זיך פון די פּויערים ניט קאָנען אָפּ־טשעפּען, און גיין אַנטקעגן דעם „סטאַראָסטע“, וואָס דאָס אַליין האָט געקאָנט אויסקומען אַז ער איז געגאַנגען אַנטקעגן „נאַטשאַלסטווע“. דעריבער האָט ער מיט ביטול געענטפערט:

— מילא, אַז איר וועט מיר ווען עס איז געבן אַביסל אייער אָדער מעל אַ מתנה, איז מהיכא־תיתי. אָבער קיין געלט וויל איך ניט און צו דעם „געשעפט“ וועל איך זיך ניט צורירן. וואָס איר קאָנט יאָ טאָן, איז העלפן מיר אויסהאַלטן דאָס ביקל מיט קאָרמע.

אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן „מיטקאָן“, ברוכס ביקל, מיט דער דאָרפישער טשערעדע בהמות, וואָס זיינען נאָך געשטאַנען אין די שטאַלן און געוואַרט אויף ערשטע פרילינג טעג, אויף די באַגרינטע לאָנקעס און זאַפטיקע גראָזן און אויף זייער אומבאַקאַנטן „חתן“.

* * *

פרילינג. די אַרומיקע פעלדער זיינען באַגרינט געוואָרן מיט גריניקע גראָז־שפּראָצונגען. אַז די טשערעדע איז שוין אַ היפּשע פאַר וואָכן אַרומגעגאַנגען אויפן „וויהאָן“ און געצופּט דעם פרישן גראָז און זייער פאָרונגס צייט איז אונטער־געקומען און פון גרויסער צערייצונג איז איין בהמה געקראָכן אוי ףדער אַנדערער און דערנאָך ווי אַנטוישטע אַראָפּ, האָבן אַ פּאָר פּויערים געבראַכט „מיטקען“ אין פעלד.

אַז „מיטקע“ האָט דערזען אַרום זיך אַזויפיל בהמות, מיט טעליצעס, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: זאָל ער זיך פאַרטשעפען מיט דער רויטער בהמה, וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט „הונגער“ אין די אויגן און אַ סלינע איז געגאַנגען פון איר מויל, אָדער — פאַר־נעמען זיך מיט אַ יינגערער, מיט אַ שענערער?

נאָר אָט איז זיין צעווילדעוועטער בליק געפאַלן אויף אַן איין יעריקער טעליצע, אַ ברוינע מיט ווייסע פלעקן, און אויפן קאָפּ — אַ ווייסער מעדאַליאָן. מיטקאָס קליינע אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט. זיין שוואַרצע, גלאַנציקע פעל האָט אַ בליאַסקע געטאָן אין דער צעהעלטער זון. דער ביק האָט אַ קאָפּע געגעבן

מיט דער רעכטער פֿאָדערשטער פֿוס אין דער ערד און אַרויסגעלאָזט אַ פֿריידיקן „הוהו"! און מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן זיך צו דער טעליצע.

די טעליצע האָט אָבער אויף גיך דערזען מיטקאָס לויפֿן צו איר, זיינע צע־ווילדעוועטע קוקערס, זיין אָנגעשטייפּטן גוף. איז זי אומרואיק געוואָרן און געזומען אַפּציען אַלץ טיפֿער אין דער טשערעדע, אַז די עלטערע בהמות, וואָס האָט געהאַט מער דערפֿאַרונג אין אַזעלכע זאַכן, זאָלן איר באַשיצן פֿון אים.

ווען מיטקאָ איז שוין געווען נעבן דער טעליצע און געוואָלט אַרויפֿשפּרינגען אויף איר, איז פּלוצים צווישן אים מיט איר אויסגעוואַקסן דעם פּריצ'ס „זאַגראַ־ניטשנער" בוהאַי און אים פֿאַרשטעלט דעם וועג. אַ שווער־גופּיקער, מיט גראָבע פֿיס, ווי ביי אַ העלפֿאַנד, האָט דער אַלטער „זאַגראַניטשנער" בוהאַי אַ דראָהענ־דיקן מוהוקע געטאָן, ווי ער וואָלט געסטראַשעט: „טשעפּע ניט מיינע בהמות!... טראָג זיך אָפּ!... און ער האָט זיך געשטעלט אין אַן אָנגרייפֿנדיקער פּאָזיציע, גע־וואַרט, געוואָלט זען וואָס דער יונגער שנעק וועט טאָן: וועט ער טאַקע צוגיין צו דער טעליצע אָדער ניט?

מיטקאָ איז אָבער געווען אַן עקשן און פֿון אַנטלויפֿן אַפֿנים ניט געטראַכט. אַנשטאָט דעם, האָט ער זיך גאָר געשטעלט אַנטקעגן דעם מעכטיקן בוהאַי. ביידע זכרים האָבן זיך שאַרף אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און פֿון אויג צו אויג האָט אַ שלאָג געטאָן אַ פֿאַרניכטנדיקער האַס. דערנאָך האָבן זיי זיך דערנענט איינער צום צווייטן און דוכט זיך בלויז אויף צו'כלומרשט אַ פּרואוו געטאָן די אייגענע כוחות און צעבוצקעט זיך מיט די קודרעוואַטע שטערנס.

דער יונגער, איין־יעריקער און אַן ערך אַ קלענערער פֿאַרן „זאַגראַניטשנעם" האָט אויף גיך דערפֿילט יענעמס גוואַלדיקע גבורה און איז אָפּגעטראָטן אויף צוריק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַרעכענען וואָס ווייטער צו טאָן. נאָר מיט־אַמאָל האָט ער אַ קוק געגעבן אויף דעם שונאס שווערן גוף, אויף די גראָבע פֿיס און — איז ווידער צוגעגאַנגען צו אים. איצט האָט דער ביק אַ קאָפּע געגעבן אין דער ערד, אַ דראָע געטאָן מיט די קורצע אָבער שאַרפֿע הערנער און אַרויסגעלאָזט אַ ברוסטיקן „מו־הו!"...

דער אַלטער בוהאַי האָט אָבער ניט געקאָנט פֿאַרליידן, וואָס אַזאַ מין שנעק רייצט זיך מיט אים. האָט ער אַזוי אָנגעשטאָלט דעם ריזיקן קאַרק, אַז אַלע קנייטשן וואָס זיינען געווען אויף אים האָבן זיך אין איין רגע אויסגעגלייכט. ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און מיט אַלע כוחות אַ לאָז געטאָן זיך צו מיטקאָן, אים געוואָלט אַ הויב געבן אינדערלופֿטן און אַוועקשליידערן ווייט הינטער דער טשערעדע בהמות.

עס איז קאָנטיק געווען, אַז מיטקאָ האָט נאָר געוואַרט אויף אָט־דעם צוג. האָט ער זיך אין דער זעלבער רגע אַ ריס געגעבן פֿונם אָרט און אָנגעהויבן אַרומ־לויפֿן איבערן פֿעלד, ווי אַ יונגער הירש. צוערשט איז ער געלאָפֿן אין אַ גלייכער ליניע, דערנאָך — געצויגן אין זיגזאַגן און דערביי אַלע ווײַלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק כדי צו זען צי דער אַלטער שטייט ניט אָפּ פֿון אים.

אַ שווערער אויף די פֿיס איז דער „זאַגראַניטשנער" נאָכגעלאָפֿן דעם ביקל מיט די לעצטע כוחות. פֿון זיינע נאָסע און צעשפּרייטע נאָזלעכער האָבן געשלאָגן צוויי קנויל ווייסע פּאַרע. די דעכוועניעס האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַרונטער, ווי אַ בלאָז־זאַק אין אַ קוזניע. מיט פֿאַרלאָפֿענע אויגן פֿון האַס האָט ער פּובווייטן

געקוקט אויפן יונגן שנעק, וואָס איז אַלע ווילע שטיין געבליבן, מיט די הערנער אויפגעריסן שטיקער ערד און דאָס געוואָרפן אינדערלופטן און דערמיט אים, דעם מעכטיקן באַהאַי, אַרויסגערופן אין אַן אָפענעם קאַמף...

די חוצפה צו רייצן זיך מיט אים, האָט דעם אַלטן ממש ווילד געמאַכט. דערצו נאָך די בושה פאַר דער שטערעדע בהמות, וואָס האָבן אויפגעהערט צופן דאָס גראָז און מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער און מיט נייגעריקייט אין זייערע אויגן, געקוקט אויפן יונגן ביק, וואָס איז כסדר געווען פאָראויס. אָט דאָס אַלץ האָט דעם „זאַגראַניטשנעם" אַרויסגעבראַכט פונם בוהייאישן געדולד און מיט מער אימפעט נאָכגעיאָגט זיך נאָך מיטקען.

דאָס אַנטלויפן און דאָס נאָכלויפן פוןביידע זכרים האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט. די פרילינגדיקע זון איז דערווײַלע אַרויף אויפן מיטן הימל און עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס ביקל מיטן אַלטן בוהאַי וועלן אַזוי רייצן זיך אייגער מיטן אַנדערן אַ גאַנצן טאָג און אפשר אַ גאַנצע אייביקייט. אָבער דער בוהאַי האָט זיך מיטאַמאָל אַ בויג געטאָן און אומגעפאַלן. אַ פאַרמאַטערטער האָט ער געפּרואווט אויפהייבן זיך און ווידער נאָכלויפן, נאָר די גראָבע פיס זיינען געוואָרן ווי גע־ליימטע, האָט ער אַ מאַכטלאָזער פאַרוואָרפן דעם גרויסן קאָפּ אָן אַ זייט און מיט אַין אויג געקוקט אויף זיין ביטערן שונא.

אַ פלינקער, ווי אַ טיגער, איז מיטקאַ אין דער זעלבער רגע צוגעלאָפן צום אומגעפאַלענעם בוהאַי און מיט חיהשער ווילדקייט אָנגעהויבן קאָפּען יענעם מיט די פיס אין בויך, אין די דעכווענעס און צום סוף — אַריינגעזעצט זיינע פאַרשפּיצטע הערנער דעם „זאַגראַניטשנעם" צווישן די ריפּן.

אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן בוהאַי, איז מיטקאַ, שוין ווי אַ זיגער, צורקגעגאַנגען צו דער טשערעדע מט געמאָסטענע טריט. באַשמקט יעדע בהמה באַזונדער און דערנאָך, מיט אַ פאַררייסנעם עק — אָפּגעקערט זיך פון זיי. כאָטש די בהמות האָבן אים איצט אויפגענומען מיט לאַשטשענדיקע בליקן, איז געראָפן צו זיך מיט שטילע הכנעהדיקע מוהוקען. אויך די געפלעקטע טעליצע, וואָס איז פריער אַנטלאָפן געוואָרן, האָט זיך איצט מיט קעלבערנער ליבע געקלעפּט צום יונגן חתן. נאָר דער יונגער חברהמאַן איז איר פאַרבייגעגאַנגען מיט אַזאַ שטאָלץ אין די טריט, פונקט ווי זי וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

די גאַנצע צייט, וואָס דער קאַמף צווישן די זכרים איז אָנגעגאַנגען, איז דער פאַסטוך פון דער טשערעדע, אַן אַלטער גוי, מיט אַ קורצן, צעפליקטן פעלצל אויף די ביינערדיקע פּלייצעס, געלעגן אויף דער לאָנקע און געכראָפּעט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען וואָס פאַר אַ צרה דעם יידנס ביק האָט דאָ אָפּ־געטאָן צום אַלטן בוהאַי, איז ער אַ דערשראָקענער אַוועק צום פּריץ אָנצוזאָגן פונם גרויסן אומגליק.

און פאַרנאַכט, ווען די בהמות זיינען וין געשטאַנען אין די שטאַלן, און גויעס מיט „דאָניצעס" צווישן די קני, זיינען געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך און אַרויסגעכישופט ווייס עשטראָמעלעך מילך פון די בהמישע ראָזעווע סאָסקעס, איז אין דאָרף געקומען צו רייטן דער פּריץ מיט זיינע דריי בנים. דאָס זיינען געווען געזונטע מענער מיט פלאַקסענע האָר. צעכעסטע האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבן ברוכס פאַרריגלטער פאָרטקע.

נאָך מיט אַ שעה צוריק, ווען די נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן דאָרף, אַז דעם יידנס ביק האָט אוועקגעלייגט דעם „זאַגראַניטשנעם" בוהאַי, האָבן די פּויערים פאַרשטאַנען, אַז דער פריץ וועט דאָס ניט פאַרשווייגן. האָט זיך דער „סטאַראָסטע" מיט אַ האַלבן דאָרף גויים פאַרקליבן צו ברוכן אין הויף מיט דראַ־בינקעס, מיט העק און מיט גראַבליעס אין די הענט און געוואָרט אויף די ניט־געבעטענע געסט. זיי זיינען גרייט געווען אונטערצופירן אַ שטיקל חשבונדל מיטן פריץ. ניט אַזוי צוליב דעם יידן, ווי פאַר דעם, וואָס ער פלעגט ביי זיי אַרויסרייסן אַזויפיל קאָרן מיט קאַרטאָפל פאַר איטלעכן מאָל, ווען אַ פויער האָט זיך געניוטיקט אינם אַלטן בוהאַי. און איצט, אַז דער פריץ מיט זיינע זינדלעך האָבן געקלאַפּט אין ברוכס פאָרטקע און געשריען:

— עפן אויף! דו זשידאָווסקע מאָרדע! — האָט זיך די פאָרטקע מיטאַמאָל צעפּראַלט און אָנשטאָט דעם צעשראָקענעם יידן, האָט זיך גאָר דער „סטאַראָסטע" באַוויזן אינם אַריינגאַנג:

— וואָס ווילסטו?

— וואָס איך וויל?! — האָט דער פריץ איבערגעקרימט דעם „סטאַראָסטעס" רייד — דו ווייסט נעבעך ניט, אַז דעם זשידאָווסקענס ביק האָט דערשטאָכן מיין „זאַגראַניטשנעם" בוהאַי?!... וואו איז ער, דער פאַרזשיווער זשיד. איך וועל אים אַרויסלאָזן די קישקעס פון זיין שמוציקן בויך!

— נאַר ניט געסטראַשעט! — האָט דער „סטאַראָסטע" אַ זאָג געטאָן און הערביי דרייסט אַרויס פון הויף און אַלע פויערים זיינען אים נאָכגעגאַנגען:

— ברוך איז דיר ניט קיין זשיד. ער איז אַן ערלעכער, אַ האָרעפּאַשנער יעוורעי. ער איז אַ נאַש בראַט. און דו טראָג זיך אָפּ פון דאַנען מיט דיינע זינדעלעך כל־זמן אייערע ביינדעלעך זיינען נאָך גאַנצע!...

פון רציחה האָט זיך דער פריץ אונטערגעהאָצקעט אויפן זאָטל:

— מיך סטראַשעסטו? דו כאַמסקע קאָפּ! פאַר אַזעלכע רייד קאָן איך דיך אויף קאַטאָרגע אַוועקשיקן. דו ווייסט כאָטש צו וועמען דו רעדסט?

— וועמען אַרט דאָס ווער דו ביסט?

איינער פונם פריצ'ס אַ זינדל האָט מער ניט געקאָנט צאַמען אין זיך דעם כעס, האָט ער אויפגעהויבן די נאַגייקע און אַ פלעכט געגעבן דערמיט דעם „סטאַראָסטע" איבערן פנים. אין דעם אויגנבליק האָבן די פויערים אַ וויג־געטאָן די גראַבליעס, אַ פאָכע געגעבן מיט די דראַבינקעס, וואָס האָבן „געמאָסטן" די פריצישע פלייצעס. דער סוף פונם געשלעג איז געווען, אַז דער פריץ מיט זיינע דריי זין זיינען אַנטלאָפן געוואָרן פון דאָרף און איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ געדיכטן שטויב.

דורך דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דאָרף האָראָדיעץ איז די צייט אויף אַ רגע ניט שטיין געבליבן. נאָכן זומער האָט זיך די ערד ביסלעכווייז איינגע־טוליעט אין אַ גראָבער און ווייסער פערענע און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי אַ בער, אויף די ווינטערדיקע חדשים און אויף מיטקעס הערנער האָט זיך באַוויזן נאָך אַ שטרייפעלע, וואָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז שוין אַלט געוואָרן צוויי יאָר.

ער איז אויסגעוואַקסן אַ געזונטער און שווערגופיקער בוהאַי; מיט קורצע הערנער און מיט אַ קליינעם עק. אַ הייס־בלוטיקער, מיט אַ ווילדער יוכע אין זיך, האָט מיטקאַ קיין איין בהמה ניט דורכגעלאָזט. אַלע אַריינגענומען צו זיך אין

„הארעם". דורכן ווינטער האָבן די בהמות אַרויסגעגעבן מיטקעס פּאַרזיי... און דאָס דאַרף האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך.

די טשערעדע איז מיט איטלעכן יאָר געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. די פּויערים האָבן אָנגעהויבן צו פירן אין שטאָט אויפן מאַרק מילך, זויערמילך, סעראָוועטקע, מאַשלינע און קעזן. דער שם פון די האַראָדיעצער מילך־געבערקעס האָט אָנגעשפּאַרט אין אַלע קאַנטן און אין דאַרף איז צוגעקומען אַ בייע פּרנסה.

ווען ביי מיטקען אויף די הערנער האָבן זיך באַוויזן פינף רינגען, האָט זיך דעם „סטאַראָסטעס" געפלעקטע בהמה אָפּגעקעלבט מיט אַ ביקל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שוואַרצע און גלאַנציקע פעל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק סאַמעט. אויפן קאָפּ איז ביי אים געווען אַ ווייסער „מעדאַליאָן" פּונקט ווי ביי זיין טאַטן. און די פּויערים פון דאַרף האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס איצט זיינען זיי פּטור געוואָרן סיי פונעם פּריץ און סיי פונעם „זשיד".

עס איז אַוועק נאָך אַ יאָר. צום איצטיקן פרילינג האָט זיך אין אין פעלד באַוויזן מיטקעס זון, אַ קנאַכיקער און געזונטער ביקל, וואָס איז געווען אַן אָנגע־פּראָפּטער מיט גבורה און ענערגיע. צו דער טשערעדע איז ער ניט געגאַנגען נאָר געלאָפן און דערביי אונטערגעטענצלט. זיינע אויגן, הייסע און הונגעריקע, ווי ביי אַ וואָלף, האָבן געברענט פון תאווה.

דערזען דעם ביי־געקומענעם לעבן אַ בהמה, האָט מיטקאָ אַ קורצן מוהוקע געטאָן. אים איז ניט געפעלן געוואָרן דעם יונגנס דרייסטקייט. אמת, קיין דרך־ארץ, להבדיל, ווי ביי אַ מענטשן, האָט ער פונעם תכשיט ניט דערוואַרט. ער איז אָבער געווען אַ קלוגער בוהאַי און געוואוסט, אַז צוליב זיין שוואַער־גופיקייט וועט ער קיין אָפענעם קאַמף ניט קאָנען אויפנעמען. די פיס וועלן אים ניט דינען ווי אַמאָל. האָט ער זיך אָפּגעקערט פון אים. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַפּאַטיש צום גאַנצן אַרום און מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף זיין זונס אויפפירונגען.

דאָס דאַרף האָט אויפגעלעבט, און די פויערים האָבן זיך גאָר פאַרגעסן וועגן מיטקען, וואָס האָט זיי געגעבן אַט־די דאָזיקע שפע. איז דער בוהאַי, אַ געעלטער־טער, מיט זיבן שטרייפן אויף די הערנער, אַרומגעגאַנגען אין די זומערן — ווייט פון דער טשערעדע און אין די ווינטערס — לענג אויס דער דאָרפישער גאַס. ער האָט אַריינגעשמעקט אין יעדן הויף און אַוועק ווי אייענר, ווען עס איז פּרעמד געוואָרן די אייגענע ערד.

* * *

אויך ברוכן איז ניט געגאַנגען בעסער ווי זיין בוהאַי. די איינציקע בהמה זיינע האָט שוין פון לאַנג פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ. דאָס פערדל, מיט וועלכן ער פלעגט באַאַרבעטן זיין שטיקל ערד, האָט אויסגעהונקען אַ פּוס. דאָס שטיקל פעלד, אַן איבערגעברענטס, האָט קיין סך תבואה ניט אַרויסגעגעבן און קיין זייטיקער פאַרדינסטל איז ניט צוגעפאַלן.

אמת, די ערשטע עטלעכע יאָר האָבן די פויערים געהאַלטן וואָרט און פאַר יעדן „לויפן זיך" געבראַכט אַ צענדליק איירע, אַביסל קאָרן, אַמאָל אַ גאַנצן פוד מעל, צי אַ זעקל מיט מעקענע, אַז מיטקאָ זאָל זיך פיטערן בהרחבה. אָבער איצט, איז דאָס אויסהאַלטן דעם בוהאַי מיט עסן געפאַלן זייער שווער אויף דעם יידנס אָרעמע פּלייצעס. און דאָ האָט זיך נאָך אונטערגערוקט אַ שווערער ווינטער.

דער שייער איז געווען אַ ליידיקער. איז ברוך אין איינעם אַ טאָג צוגעגאַנגען צו שרה־באַשען און געזאָגט:

— דו הערסט? ס'איז אַ שווערער ווינטער. איז אפשר זאָלן מיר פאַרקויפן דעם בוהאַי?...

שרה־באַשע האָט אַ קאָסעדיקן קוק געגעבן אויף אים און אויף איר עלטסטער טאָכטער, אַ מויד אַ צעוואַקסענע, מיט ברייטע היפטן און מיט שטייפע, אַרויסגע־שטאַרצטע בריסטן פון אונטער דער וואָלענער קאַפטקע:

— וואָס דען? געוויס דאַרף מען אים פאַרקויפן. אויף וואָס וועט מען וואַרטן?... אַז עס וועט זיין די עטלעכע קערבלעך אין קעשענע, וועט זיך אפשר דער אויבערשטער דערבאַרעמען און צושיקן אַ שידוך פאַר דער מויד...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אין אַ פראָסטיקן אינדערפרי איז אין אַ טיפן שליטן, צוגעשפּאַנט צו אַ בורן פערד, צוגעפאָרן כאַצקעלע קאַזשוך; אַ ייד אַ ריז, מיט אַ רויטן פּנים און מיט אַ פּאָר הענט, ווי אמתע קאַנאָטן. ער איז פּאַמעלעך אַרויס פון שליטן און צוגעבונדן די לייצעס צו אַ ברעטל אין פּאַרקן.

— שלום עליכם, ר' ברוך! וואָס מאַכט איר? איך האָב געהערט, אַז איר ווילט פאַרקויפן אייער בוהאַי. מסתמא אַ ריכטיקע פּגירה, האָ?

אַ באַליידיקטער, וואָס דער קצב האָט באַצייטנס שוין אָנגערופן מיטקען „פּגירה", האָט אים ברוך אָן חשק דערלאַנגט זיין האַנט:

— עליכם שלום. איר האָט שוין געזען מיין בוהאַי?

— ניין.

— איז וויאַזוי זאָגט דאָס אַ ייד אַזאַ וואָרט אויף אַ לעעבדיקער באַשעפעניש? אָט וועל איך אים אַרויספירן פון שטאַל און איר וועט אַליין זען וואָס פאַר אַ פּגירה דאָס איז.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ברוך אַרויסגעפירט מיטקאָן אין הויף אויף אַ שטריק און צוגעבונדן צו אַ געזעצטן סלופּיקל. דערנאָך האָט ער מיט ליבע אין דער רעכטער האַנט אַ גלעט געטאָן דעם בוהאַי איבערן פעל:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס די „פּגירה"?...

דער קצב האָט אַ קוק געטאָן אויף מיטקאָס געפּאַלדעוועטן קאַרק, אויפן שווערן גוידער, וואָס איז ביי דעם בוהאַי אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אָנגעפילטע טאַרבע און געבראָכן זיך פון פעטס; ער האָט אַ טאַפּ געגעבן אַ ליטקע, פאַרהויבן דעם עק, אַ דריק געטאָן אַ ריפּ און קאַלט־בלוטיק געענטפערט:

— נישקשה פון אַ ביקל...

— אַפריער איז ער ביי אייך געווען אַ „פּגירה" און איצט איז דער בוהאַי— אַ ביקל! איך זע שוין אַז איר וועט אים ביי מיר ניט קויפן.

שוין געוואוינט צו אַזעלכע בייסיקע רייד, האָט דער קצב זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיקטען, אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויפן בוהאַיס רוקן און צעלאַכט זיך:

— קאָכט זיך ניט אַזוי, וואַרפט זיך ניט, ר' ברוך. דאָס איז ניט דער איינ־ציקער בוהאַי אויף דער וועלט!...

דערפילט דעם קצבס האַנט אויף זיך, האָט זיך ביי מיטקען די שוואַרצע פעל אַ רונצל געגעבן, ווי אַ קאַלטער סקרוך וואָלט דורכגעלאָפן איבער זיין לייב. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ביי זיך אויפן רוקן דערזען כאַצקעלעס

פינגער, וואָס זיינען געווען אויסגעפּילטע און ראַזעווע, ווי די ציצלעך ביי אַ בהמה. איז אים באַפאַלן אַ אומעט, אַ שרעק. די אויגן האָבן זיך אים פאַרצויגן מיט אַ נעפּל און מיט זיין גאַנצער גבורה איז ער איצט געשטאַנען אונטער דעם קצבס לאַפּע, ווי אַ געפאַנגענער אין אַן אייזערנער שטייג.

קוים דורכגעקומען מיטן מקח, האָט דער קצב אַ נעם געטון די שטריק פון ברוכס הענט און דאָס צוגעבונדן ביי זיך צום שליטן. אַ צופרידענער, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אַזאַ מציאה, האָט ער דערנאָך גענומען די לייצעס אין די הענט, מיט דער בייטש אַ כוואַשטשע געטאָן זיין בורן פערד איבער די זייטן און אַ געשריי געגעבן: — ניאָ !! . . .

דאָס פערד האָט זיך אַ דריי געגעבן אויף רעכטס, אויף לינקס, און דער שליטן, וואָס איז דורך דער צייט צוגעקאָוועט געוואָרן צום איינגעפראָרענעם שניי, האָט אַ סקריפּע געטאָן, גערירט זיך פון אָרט, און מיטקע, אַן אומעטיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז נאָכגעגאַנגען דעם שליטן, ווי נאָך אַן אָרון. דער בוהאַי האָט איצט געשטעלט קליינע טריט, פונקט ווי ער וואָלט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט דעם דאָרף און מיט דעם וואַרעמען שטאַל און מיט ברוכס משפחה, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין גאַס און מיט טרערן אין די אויגן געזען, ווי מיטקאַ האָט זיך דערווייטערט אַלץ ווייטער און ווייטער. מיט יעדן טראָט איז מיטקאַ געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון די אויגן.

ערשט איצט האָט זיך ברוך מיט דער ווייב און קינדער צוריקגעקערט. דער הויף איז מיטאַמאָל געוואָרן פּוסט, ווי עס ווערט פּוסט אַ שטוב נאָכן טויט פון אַ ליבן מענטשן. דער טויער פון שטאַל איז געווען צעפראַלט. די שטאַל איז איצט געווען ליידיק, אומהיימלעך. די שטרוי, וואָס איז געווען באַדעקט מיט בוהיי־אישן אָפּפאַל, האָבן ווי איבעריקע אַרויסגעקוקט פון אונטערן „גנאַי". אפילו מיט־קעס דעמבענער צעבער, אַרומגענומענער מיט דיקע רייפן פון אויבן און פון אונטן, איז געלעגן אַן איבערגעקערטער, געקנאַקט פון פראָסט און עס האָט זיך אויס־געדוכט, אַז אפילו דער צעבער האָט געבענקט נאָך דעם אַוועקגייענדיקן בוהאַי, וואָס וועט זיך שוין מער ניט צוריקקערן. . .

יהושע ריווין

## לאָז עפּעס איבער

לאָז עפּעס איבער דער וועלט אַ מתנה,
איידער דו שיידסט זיך מיט איר;
שענק איר דיין חלום, דעם קיינמאָל־דערגרייכטן,
שענק איר דיין וויינענדן שיר.

שענק איר דאָס האַרץ דיינס, דאָס קיינמאָל־געשטילטע,
שענק איר דאָס ליכט פון דיין אויג,
איידער דו שיידסט זיך מיט איר אויף אַן אמת,
איידער דו טוסט זיך דעם לעצטן פאַרנויג.

ח. מ. ראָטבלאַט

# חשבון הנפש

דער קיום פון יידן און יידישקייט אין אַמעריקע איז אַ טעמע, וואָס ווערט דעבאַטירט כמעט תמיד אין די קרייזן פון באַוואוסטזיניקע יידן, הן אין פריוואַטע שמועסן צווישן חברים און פריינט, הן אין אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אסיפות.

די פעסימיסטישע פראַגע וועגן יידישן שפּעריזשן המשך עקבערט אונדזערע מוחות, פּייניקט און מאַטערט אונדז ביחידות, און פאָדערט פון אונדז אַ שטיקל חשבון הנפש. לאָמיר זיך דארום אַראָפּריידן פון האַרץ, אפשר וועט מען אָנהייבן ערנסט זוכן אַן ענטפער צו דער פראַגע, אפשר וועט זיך צעפלאַקערן דער נאַטיר־לעכער פאָלקישער דראַנג צו יידישער שפּעריזשקייט, און אונדז אָנרעגן צו גרויסע מעשים, אפשר?...

אונדזערע עלטערן אין דער דיאַספּאָרע, כמעט אין אַלע לענדער, וואו עס זיינען געווען קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, האָבן ניט אויפגעהערט צו שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער גייסטיקער ירושה. זיי האָבן באַרייכערט און פאַרטיפט די יידישע קולטור אוצרות און זיי איבערגעגעבן צו זייערע קינדער, וועלכע האָבן זי אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פון זייערע אויגן, זי באַנייט און באַפּרוכפּערט, און דער יידישער המשך איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס. אַ דור גייט אַוועק און אַ נייער דור קומט פול מיט רצון און דראַנג זיך אויסצולעבן מיט דער קולטורעלער ירושה פון די עלטערן, און די זאָרג פון המשך האָט ניט געמאַטערט די עלטערן...

זיי האָבן זיך ניט געפרעגט, ווי מיר, צי וועלן אונדזערע קולטורעלע אוצרות און נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס מיר האָבן געשאַפן מיט ליבע און מסירות נפש, אָפּשטאַרבן צוזאַמען מיט אונדז? זיי האָבן ניט געקוקט מיט טרויעריקע בליקן אויף די ספרים און ביכער און זיך געפרעגט די טראַגישע פראַגע: וועמען לאָזט מען זיי איבער? וואו באַזאָרגט מען פאַר זיי אַ שטיקל היים? אַט קלאַפּט שוין דער טויט אין די פענצטער, און ס'עקבערט די ביטערע פראַגע: וואָס וועלן אונדזערע קינדער טאָן מיט אונדזערע ספרים און ביכער?...

צי האָבן טאַקע אונדזערע עלטערן געשאַפן נייע גייסטיקע אוצרות אין דער דיאַספּאָרע? אפשר האָט די באַהויפּטונג ניט קיין היסטאָרישן אמת, און ממילא קיין יסוד ניט, ווי ס'דענקען טאַקע אונדזערע געשוואוירענע באַנייַנערס פון גלות? (שוללי הגלות).

זאָלן היסטאָרישע פאַקטן אָפּלייקענען די פאַלשע הנחה: מיר האָבן געשאַפן גרויסע קולטור אוצרות אין גלות, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן געשאַפן דעם תנ"ך און די משנה אין ארץ ישראל, און די ערנסטע באַציאונג פון פאָלק צו די גלות־שאַפונגען איז געווען ניט קלענער ווי צום תנ"ך און משנה. דער תלמוד בבלי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בבל, איז געווען הייליק, טייער און פאַרגעטערט, פּונקט אַזוי ווי דער תנ"ך, און האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף אונדזער לעבן, ניט נאָר אויף תלמידי חכמים, וואָס האָבן אים געשטודירט, געפאָרשט און דערקלערט, נאָר אויך אויף די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

די רייכע, פאַרצווייגטע תנך־פאָרשונג און פאַרטייטשונג (פרשנות המקרא)

איז אַ גלות פּראָדוקט און אַ גרויסער חלק פון איר איז געוואָרן אָרגאַניש פאַר־קניפּט און פאַרשלייפט מיטן תנ״ך, ווי למשל: דער פּירוש פון רש״י אויף דער תורה.

די יידישע טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע, וועלכע האָבן באַרייכערט און פאַר־טיפט דעם יידישן געדאַנק אין מיטלאַלטער און האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף אונדזער מאָדערנער פילאָזאָפיע און לעבן, זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַר־שיידענע גלות־לענדער, ווי למשל: מצרים, שפּאַניע און דייטשלאַנד.

די קבלה העיונית — די טעאָרעטישע קבלה — מיט איר הויכן שוואונג און פּאַרנעם, און די פּראַקטישע קבלה, מיט איר פּאָעטיש־משיחישן דראַנג צו פאָלקס־דערלייזונג, האָבן זיך צעבליט אין די גלות־לענדער, און האָבן באַפרוכפּערט די יידישע קאָלעקטיווע נשמה.

די דינאַמיש־שעפערישע חסידות־באַוועגונג, וועלכע האָט רעוואָלוציאָניזירט די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן און האָט אין זיי געוועקט די כמעט אַטראָפירטע שעפערישע כוחות און איר השפעה איז גרויס און מעכטיק אויף אונדזער ליטע־ראַטור און אויף אונדזער לעבן, אפילו איצטער, איז, ווי באַוואוסט, אַ פּראָדוקט פון מזרח־אייראָפּיאישן יידישן קיבוץ.

די השכלה באַוועגונג, די מאַמע פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור און אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור גופא אויף ביידע לשונות — יידיש און העבראַיש — איז אַ פּראָדוקט פון מערב און מזרח־אייראָפּיאישע יידישע ישובים און קבוצים.

וואָס זיינען געווען די טרייב־כוחות, וועלכע האָבן געשפּייזט אונדזער שאַ־פונגס פאַנטאַזיע און וויזיע, האָבן באַפליגלט און פאַרטיפט אונדזערע עמאָציעס און געדאַנקען, און האָבן אונדז באַזאָרגט מיט חיונהדיקע גייסטיקע וויטאַמינען און אונדז באַשאָנקען מיט שעפעריש לעבן, קיום און המשך?

אפילו וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו רעליגיע און טראַדיציע, מוזן מודה זיין, אַז די יידישע אמונה, די אין־סופיקע און אומבאַגרע־ניצטע ליבע צו תורה, די פאַנטאַסטיש־באַפליגלטע האָפענונג, אַז אַ נאַציאָנאַלער און טאָקע אויך אַן אוניווערסאַלער משיח, וועט זיי באחרית הימים באַפרייען פון זייערע פיזישע און גייסטיקע ליידן, און זייער באַפרייאונג וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַלמענטשלעכער באַפרייאונג, און אַ ליכטיקע עפּאָכע פון אַן אַלטוועלט־לעכן שלום וועט הערשן אין דער וועלט, אַז די דריי גיגאַנטישע זיילן זיינען געווען דער לייכט־טורעם, וואָס האָט אַדורכגעדרונגען דורך די שוואַרצע וואָלקנס פון טראַגישן גלות־לעבן און האָט באַשיינט און באַליכטן די פאַרטונקלטע האָפענונג, האָט באַפליגלט זייער שאַפונגס פאַנטאַזיע און וויזיע, און האָט געשפּייזט דעם קאָלעקטיוון רצון פון קיום און המשך.

ליידער זיינען די דריי זיילן זיך צעפאַלן אין די לעצטע דורות און זיינען פאַרדעקט מיט שטויב, און דער פּועל־יוצא פון דעם גייסטיקן חורבן איז: די אַטראָפירונג פון קאָלעקטיוון לעבנס־רצון; אונדזער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין זשי־פּעט קיום און האָט אָנגעוואוירן זיין דינאַמישקייט. יאוש, אָפּהענטיקייט און גלייכ־גילטיקייט הערשן אין אונדזערע קולטורעלע קרייזן, ס׳פעלט אונדז שוואונג און רצון צו קולטורעלע מעשים.

די העבראַישע און יידישע ליטעראַטור און פּרעסע, אין אַ קיבוץ פון פינף מיליאָן יידן, קייקלען זיך באַרג אַראָפּ, און שאַ, שטיל, ווי אויפן בית הקברות! דאָס קליינע הייפעלע פון קולטור־שאַפער און קולטור־טוער איז פאַרצווייפלט,

און האָט ניט דעם מוט צו זוכן אַ לייזונג פאַר דעם טרויעריקן מצב, און די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג...

גיט אַ קוק, וואָס טוט זיך אין דעם דינאַמישן יידישן קיבוץ פון לאָס אַנגעלעס?

די יידישע דינאַמישקייט איז אָפּגעשלאָסן אין אירע דלד אמות פון צדקה — שפּיטאָלן, מושב־זקנים׳ס, פאַמיליע נויטן, און אַנדערע געביטן פון סאָציאַלער הילף. מ׳וואַרפט אויך צו קליינע סומען פאַר יידישן חינוך; אַ ברירה האָט מען? דער עולם פאָדערט עס. מ׳שטיצט מדינת ישראל מיט דער ברייטער האַנט, אפילו אירע קולטורעלע און דערציערישע אינסטיטוציעס. און געבענטשט זאָלן זיין די אַלע וואָס טוען די וויכטיקע אַרבעט מיט ליבע און מסירות נפש.

אָבער פאַר אייגענע קולטור הצטרכותן האָט מען ניט קיין ברעקעלע פאַרשטענדעניש. מ׳פאַרלאָזט זיך אויף מדינת ישראל — זי וועט אונדז פאַרזאָרגן מיט קולטור... מ׳שטיצט זיך, כביכול, אויף דער אחד־העמיסטישער טעאָריע, אַז ארץ ישראל וועט ווערן דער גייסטיקער צענטער פאַר דעם גאַנצן פאָלק, אפילו פאַר די יידישע קיבוצים אין דער דיאַספּאָרע. אירע באַנייטע און נייע קולטור־שאַפונגען וועלן שפּייזן די אויסגעהונגערטע, דורשטיקע נשמות אין אַלע גלות־לענדער..

מילא, האָט אַזאַ גרויסער יידישער קיבוץ ווי אין אונדזער שטאָט ניט קיין יידיש וואָכנבלאַט און די איין־איינציקע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבע איז דער „חשבון“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ קליינער גרופּע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס האַלטן זי אויף ביים לעבן מיט גרויס ליבע און מסירות, אַניט וואָלט זי שוין לאַנג אויסגעהויכט איר נשמה...

און וואָס הערט זיך עפּעס ביי מיינע חברים, די העברעער? דאָ, איז די לאַגע אַ סך ערגער. מ׳האָט אפילו ניט די הייליקע חוצפה צו חלומען וועגן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע; אפילו ניט קיין יערלעכע... אויסער דער „מן המערב“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די תלמידים פון דעם אוניווערסיטעט פאַר אַקאַדעמישע יידישע לימודים, איז ניטאָ קיין העברעאישע פּעריאָדישע שריפט אין אונדזער שטאָט.

און דער מענטשן־מאַטעריאַל פאַר אַזאַ שריפט איז דווקא דאָ. לאָס אַנגעלעס האָט אַ פיינע און רייכע גרופּע פון יידישע געלערנטע, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אַרום די דריי אַקאַדעמישע אנשטאַלטן, ווי, דער אויבנדערמאָנטער אוניווערסיטעט פאַר יידישע לימודים, דער „קאַלעדזש פאַר יידישע לימודים“ און דער סעמיטישער פאַקולטעט פאַר מיטל־מזרחדיקע וויסנשאַפטן פון קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט.

וואָס איז די סיבה פון אַזאַ אָפּהענטיקייט ביי די העברייער? ס׳איז כמעט ווי אַטראָפירט דער דראַנג צו שאַפן דאָ אויפן אָרט. מ׳פאַרלאָזט זיך אויף מדינת ישראל — זי וועט אונדז שוין באַזאָרגן מיט קולטור.

אַז דאָס איז אַן אילוזיע וואָס האָט קיין יסוד ניט, האָט שוין לאַנג באַוויזן דער גרויסער יידישער דענקער, יעקב קלאַצקין, מיט מעכטיקע לאָגישע אַרגומענטן, וואָס לאָזן זיך ניט אָפּפרעגן, ווי למשל, די לאָגישע טענה — דער דייטשער גרויסער קיבוץ אין אַמעריקע אין דער פאַר־היטלערישער עפּאָכע האָט זיכער געקאָנט ציען זיין גייסטיקע יניקה פון דער דייטשער גרויסער און פאַרצווייגטער קולטור אין זיין גייסטיקן צענטער, דייטשלאַנד, און דאָך האָט ער זיך אַסימילירט

אין דעם אַמעריקאַנעם שמעלצטאָפּ, ווייל ער איז ניט געווען שעפּעריש דאָ אויפן אָרט!...

ווי אַזוי קאָנען מיר גלויבן און חלומען, אַז מיר וועלן זיך שפּייזן מיט די קולטור-אוצרות וואָס שאַפן זיך אין מדינת ישראל, אויב מיר אַליין וועלן ניט זיין שעפּעריש? ס'איז אַ פאַלשע, שעדלעכע אילוזיע!

און אויב וועגן אַ יחיד איז געזאָגט געוואָרן: „כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם", דער מענטש קאָן זיך ניט אויסלעבן שעפּעריש אויב ער האָט ניט קיין גייסטיקע חיונה, אַ ציבור קאָן זיכער זיך ניט אויסלעבן קאָלעקטיוו שעפּעריש אָן קולטור און ליטעראַטור שאַפונגען. און די יידישע געשיכטע באַשטעטיקט די הנחה, אין אַלע גלות-לענדער, וואו יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין שעפּעריש און זיך אויסלעבן אין דער אַטמאָספערע פון אַן אַרטיקער קולטור-סביבה, זיינען זיי פאַרוויאַנעט געוואָרן, און די שמד-מגפה האָט זיך צעוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

די רייכע טעמפּלען פון די מערב-אייראָפּייאישע יידן האָבן געפּוסטעוועט און שדים האָבן געטאַנצט אויף זייערע גייסטיקע חורבות. לאָמיר זיך דעריבער ניט טרייסטן, אַז אונדזער כביכול-דיקער רעליגיעזער רענעסאַנס אין אַמעריקע וועט אונדז ראַטעווען פון אַסימילאַציע און אונטערגאַנג; דאָס זיינען פּוסטע חלומות!

אָן אַ מעכטיקן קולטור רענעסאַנס, וואָס וועט באַפרוכפּערן, באַרייכערן און פאַרטיפן אונדזער יידיש באַוואוסטזיין, וועלן מיר אויך דאָ, אין דער פרייער דע-מאָקראַטישער אַמעריקע, ניט האָבן קיין קיום, און דער גרויסער, רייכער, יידישער קיבוץ וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גולם, אַ גוף אָן אַ נשמה. דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער יידישער חורבן, ווייל מיר זיינען דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט.

די סכנה איז גרויס, די אַפּהענטיקייט איז ערנסט און פאַטאַל. לאָמיר ערנסט טראַכטן און טאַקע פאָרשן און זוכן אַ רעטונגס-מיטל, ווי לאַנג ס'איז נאָך ניט צו שפּעט!

---

פריינד פרידלאַנד:

נעמט צו אונדזער וואַרעמע באַגרי-סונג צום 10טן יובל-יאָר פון „חשבון". גריסט אַלע פון דער כאַליאַסטרע „חשבוניאַנער"— אַ פיינער נאָמען פאַר די איבערגעגעבענע עקשנים, וואָס ווילן ניט פאַרשעמען לאָס אַנגעלעס זאָל בלייבן אָן אַ שריפט.

אייערע,

## מרים און לייזער מעלצער
(אָוקלאַנד, קאַליפ.)

מיר ווינטשן אונדזער חשובן לייזער מעלצער, דעם אַקטיוון געזעלשאַפט-לעכן עסקן, צו זיינע 75 יאָר, נאָך אַ סך געזונטע און שעפּערישע יאָרן. (רעד.)

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

מיט האַרציקע וואַרעמקייט באַגריסן מיר אייך אַלס רעדאַקטאָר פון„חשבון". מיר שאַצן אָפּ אייער זעלטענע אייגנ-שאַפט טאַלאַנט און איבערגעבנקייט צום יידישן קולטור קלוב און צום יידיש געדרוקטן וואָרט.

מיר ווינטשן אייך אַריכת ימים, גע-זונטע און שעפּערישע יאָרן צוזאַמען מיט אייער ליבער פרוי.

מיט פריינדשאַפט,

## הערי און סאָפיע שטערנפעלד

אברהם גאָלאָמב

# יעקב זינגער — „דער יונגער דזשייקאָבס״

(ראָמאַן פון יידישן לעבן. פאַרלאַג „מנורה״, תל־אביב, 1963. 513 זייטן)

אַ גוטער ראָמאַן. איך בין זיך מודה: שוין עטלעכע יאָר ווי איך לייען ניט קיין בעעלטריסטיק — ניטאָ קיין צייט, און ווידער... אַז מען בריט זיך אָפּ מיט הייסן... אויסעגקומען צו לייענען פון באַקאַנטע יידישע שרייבער — און זיך אנטווישט. על פי רוב איז עס אַלץ דערציילט פון אַמאָל, פון דעם לעבן וואָס איז שוין מער ניט אַקטועל. צווייטנס, זייַענען די ראָמאַנען און דערציילונגען אַביסל צופיל באַזאַלצן מיט סעקס און אפילו מיט אַ היפּשן שמץ פון פּאָרנאָגראַפיע. עס קומט מיר אויס ווי אַ בילבול אויף יידן.


יעקב זינגער ע״ה

אַנדערש איז דער אַנגערופענער ראָמאַן פון יידישן לעבן אין קאַליפאָרניע, נאָנט, כמעט היימיש, און אָט־דאָס איצטיקע לעבן אינטערעסירט אונדז איצט אַממערסטן. דער ביַיער דור, געבאָרן אין אַמעריקע, געהאָדעוועט זיך צווישן ניט־יידן, קיין יידישע דערציאונג כמעט גאָרניט, אויפן שפּיץ מעסער, געלעבט צווישן ניט־יידן, געלערנט מיט זיי צוזאַמען, געקעמפט אויף מלחמה צוזאַמען, געחברט זיך מיט זיי — מיט איין וואָרט — געלעבט אַ פרעמד לעבן — איז ווי און וואו איז די יידישקייט פון דעם מענטש?

און זינגער איז אַ גוטער דערציילער, ער קען אויסגעצייכנט זיינע טיפּן: ער זעט זיי און באַמערקט יעדן קנייטש, יעדער העוויה. ער הערט זייער ריידן און ווייסט זייער טראַכטן, אַלע ניואַנסן, ער ווייסט אַלע זייערע מחשבות און איבערלעבונגען. ער גיט פולע און דעטאַלע בילדער פון זיינע העלדן, פון די יידן און פון די ניט־יידן. מיר זעען זיי און מיר הערן זיי. דאָס איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ דערציילער.

זינגערס ראָמאַן האָט אָבער נאָך אַ מעלה. עס איז אַ ווערק מיט אַן אידייע. ער וויל אונדז פאַרענטפערן די פראַגע: וואָס וועט זיין מיט יידישקייט אין אַמעריקע? וואָס איז איר צוקונפט, ווען דער געקומענער דור, די אימיגראַנטן, וועלן שוין ניט זיין מער? און זינגער איז אַן אָפּטימיסט. אָט דער יונגער דזשייקאָבס, וואָס האָט ניט קיין יידישע קולטור, וואָס לעבט אַ גאַנץ לעבן צווישן ניט־יידן און מיט זיי — און דאָך איז ער אַ ייד, און וואָס ווייטער ווערט ער מער ייד

און בענטער צו יידישקייט. פאַרוואָס? — ווייל די סביבה אַסימילירט דעם יידן שווערער, אָבער זי אַסימילירט אים אינגאַנצן ניט. אַן אירלענדער אין אַמעריקע איז באַלד אַן אַמעריקאַנער, הגם ער פאַרגעסט לגמרי ניט זיין אָפּשטאַם און עס מאַטערט אים לגמרי ניט. ער האָט קיינע פּראָבלעמען ניט מיט זיין אירלענדיש־קייט. אָט איז דאָך אַ זון פון אַן אירלענדער געוואָרן איינער פון די באַליבסטע פּרעזידענטן אין אַמעריקע.

אָבער מיט יידן איז עס אַנדערש. ער קען זיך ניט אַסימילירן און ער קען ניט אַסימילירט ווערן ווי אַנדערע. אַלע אַמערקאַנער, אַ חוץ די אינדיאַנער, זיינען קינדער פון אימיגראַנטן. אָבער דאָך איז די אַסימילאַציע פון יידן ניט אין פאַרגלייך אַ שווערער פּראָצעס. דער „שמעלצטאָפּ" שמעלצט זיי ניט אַזוי גיך ווי אַנדערע. לויט זינגערן זיינען דאָ צוויי סיבות: פון איין זייט איז דער ייד אַ פּרעמדער פאַר דער מערהייט, פּרעמדער און, עס ליגט צו דעם יידן אַן אַלטע דורותדיקע טראַדיציע פון שינאה און פּרעמדקייט. דאַרף דער ניט־ייד אָנווענדן אַ סך מער ענערגיע ער זאָל זיך קענען איינלעבן מיט דעם יידן. מעג דער ייד ניט פאַרזוכן דעם טעם פון הערינג און טשאָלנט, וועט מען דאָך אָפּלאַכן פון זיינע „געפילטע פיש" און קרעפּלעך.

דאָס איז מצד דער אַסימילירנדיקער מערהייט. אָבער אין דעם יידן איז אויך פאַראַן אַן אָפּהאַלטער, וואָס דערלאָזט אים ניט זיך צו אַסימילירן אַזוי גרינג ווי אַלע אַנדערע. דאָס איז אַן איראַציאָנאַלע צוגעבונדקייט צום אָפּשטאַם, וואָס האַלט דעם יידן, הגם ער האָט גאָר כמעט ניט געלערנט און ער ווייסט כמעט ניט פון יידישקייט. אָט איז אַ משפחה. דער אַלטער דוד דזשייקאָבס — אַן אימי־גראַנט, אינגאַנצן אַ וועלטלעכער קולטורעלער ייד, אַרויפגעאַרבעט זיך; האַלט ניט פון דער יידישער רעליגיע; האַלט אפילו ניט פון דעם טעמפּל מיט דעם ראַבאַי. ער איז אָבער באַהאַוונט מיט דער יידישער קולטור. ער וויל זיין זון געבן אַ יידישע דערציאונג. אָבער וואו? ווען? ניטאָ קיין צייט און ניטאָ קיין חשק.

אָט אַזוי וואַקסט דער יונגער דזשייקאָבס צווישן זיינע ניט־יידישע חברים אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער קולטור. צוזאַמען מיט די חברים גייט ער אויף מלחמה. און זיין ערשטער ראָמאַן איז אויך מיט אַ ניט־יידישער מיידל.

די ערשטע שטאַרקע לעקציע וועגן יידישקייט קריגט ער אין דייטשלאַנד, ביים סוף פון דער מלחמה, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער איז גענוג איב־טעליגענט צו מאַכן פון דעם געהעריקע אויספירן. דאָס דערנענטערט אים צו זיין פאָטער. זיין פרוי איז אויך בערך אַזוי פיל יידיש ווי ער אַליין.

שפּעטער קריגט ער נאָך אַ שטאַרקערע לעקציע פון יידישקייט דורך זיינע חברים אין דעם קלוב, וואָס ער איז איינער פון זיינע וויכטיקסטע בויער. ער הייבט אָן טראַכטן וועגן אַ פּולערער יידישער דערציאונג פאַר זיין זון; ער טראַכט וועגן אַ באַזונדערן יידישן קלוב. דאָס איז אַן אָפּטע דערשיינונג — אַ יידישקייט, מחמת אָפּשטויס מצד די ניט־יידן. פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן האָט עס אָנגע־רופן „עקספּלאָזיע־יידישקייט"... דער מחבר איז מיט דער יידישקייט, קענטיק, יאָ צופרידן. איך בין פון איר ניט באַגייסטערט, און איך האָף ניט שטאַרק אויף איר. כדי צו קומען צוריק צו יידישקייט דאַרף דער ייד זיין גענוג אינטעליגענט און פילענדיק, ער זאָל דערפילן דעם „איידעלן" אָפּשטויס מצד די ניט־יידן. ער דאַרף זיין דערצו אַ שטאָלצער מענטש און אַן ענערגישער, ער זאָל קענען מאַכן פון דעם אַ געהעריקן אויספיר.

אַט ברענגט זינגער אין דעם ראָמאַן אַרויס צוויי פּראָפעסאָרן־יידן, איינעם טאַקע אַ געראַטעוועטן פון דייטשלאַנד — און זיי דערשרעקן זיך גאָר פאַר אַ באַזונדערן יידישן קלוב. זיי ווילן ניט אַנדערש ווי אַריינקריגן זיך אין דעם אַלגעמיינעם קלוב, וואו מען וויל זיי ניט, און זיי ווענדן אָן אַלערליי מיטלען צו קריגן די נויטיקע „פּראָטעקציע" פון די ניט־יידן.

צווייטנס, איז אַט־די עקספּלאָזיוו־יידישקייט עפּעס אַזאַ צעשוואומענע, אָן קאָנקרעטן אינהאַלט. ניט אומזיסט ענדיקט זינגער זיין ראָמאַן ע ר ב דעם יידישן באַזונדערן קלוב. דער אַלגעמיינער ניט־יידישער קלוב האָט זיין קלאָרן ציל אין געמיינזאַמע פאַרוויילונגען. מענטשן האָבן צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געווען אויף מלחמה, האָט מען זיך וואו צו טרעפן, וואו צו פאַרברענגען אין פריינד־שאַפט. דאָס איז וואָס אין אַמעריקע רופט מען ביי יידן „ זיך אויסלעבן". אָבער מיט וואָס וועט זיך דער יידישער קלוב אונטערשיידן? וואָס וועט זיין די יידישע אַנדערשקייט? דאָס בלייבט ווייט ניט קלאָר. סיידן אפשר אַ קאָפּיע פון דעם אַלגעמיינעם קלוב, מער ניט, פאַר יידישע מיטגלידער, וואָס פילן זיך ניט גוט אין דעם אַלגעמיינעם. דער קלוב איז יידיש נאָר לויט זיין מיטגלידערשאַפט, אָבער ניט לויט זיין אינהאַלט. אַזוינע קלובן פאַר יידן זיינען אין אַמעריקע בפירוש יאָ פאַראַן, מיט פאַרשיידענע נעמען, אָבער זייער יידישער אינהאַלט איז זייער פּראָבלעמאַטיש.

זינגער ברענגט אַרויס אין זיין ראָמאַן אַ שלל מיט טיפּן, און ער גיט זיי קלאָר ווי לעבעדיקע. ווי געזאָגט, איז ער אַ גוטער באַשרייבער. ער ברענגט אויך צונויף אַ סך יידן אימיגראַנטן, איבערהויפּט. דער יונגער דזשייקאָבס האָט זייער ווייניק פריינד־יידן וואָס זיינען מיט אים גלייך געוואַקסן און זיך דערצויגן אין אַמעריקע. דאָס איז אויך ניט קיין גוטער סימן. ניט פאַרן ראָמאַן, חלילה, נאָר פאַר דער אַמעריקאַנער יידישקייט: די ייִנגערע יידן, די געהאָדעוועטע אין אַמעריקע, טרעפן זיך ניט אָפט צווישן זיך. עס ציט זיי אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט אַריין. זעלטענע צווישן זיי קומען צוריק. איז קומען צום עלטערן, צום טאַטן, צו דוד דזשייקאָבס אַריין היפּש יידן אין געשעפט. אַ חוץ געשעפט־ענינים זיינען די געמיינזאַמע ענינים — צדקה פאַר אָרטיקע אינסטיטוציעס, און איבערהויפּט פאַר מדינת ישראל. דאָ ברענגט זינגער אויך אַ צברא, וואָס האָלט זייער ווייניק פון די גלות־יידן. מען קען זיין אַ כשרער ציוניסט און דאָך מסכים זיין מיט זינגערס קריטיק אויף דער דערציאונג פון דעם צברא. אָבער נאָך אַלע־מען בלייבט דאָך פאָרט די קשיא: און וואו איז די יידישקייט וואָס עס בויט דער צווייטער דור יידן אין אַמעריקע?

מיט איין וואָרט — זינגער ראָמאַן „דער יונגער דזשייקאָבס" איז גאָר אַן ערנסט ווערק; ער גיט אַ קלאָר בילד פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע; ער רופט אַרויס פּראָבלעמען און געדאַנקען. וואָלטן מיר געהאַט העכערע שולן מיט גוטע שטודיעס פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָלט דאָס בוך דאָרטן געדאַרפט פאַרנעמען אַ געהעריקן אָרט פאַר אָפּהאַנדלונגען און דיסקוסיעס. אויך אונדזערע ליטעראַרישע און קולטור־קרייזן טאָרן דאָס ווערק ניט פאַרבייגיין. דאָס בוך האָט אַ ריינעם יידיש און ער זוכט ניט קיין „פּיקאַנטקייט" וואָס זאָל ציען דעם לייענער. דאָס איז היינט ביי אונדז גאָר אַ גרויסע מעלה.

אריה פּאָזי

# לייענענדיק „אין טעג פון געראַנגל" פון י. פרידלאַנד

אַ דאַנק פאַר אייער בוך „אין טעג פון געראַנגל" און אַ יישר־כוח אייך פאַר שאַפן אַט דאָס פיינע בעלעטריסטישע ווערק.

איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט פון טאָוול צו טאָוול און מיין הנאה איז געווען גרויס. מיך האָט דער עיקר אינטערעסירט די נאָוועלע „אין טעג פון געראַנגל", וואָס איז אַ המשך פון אייער נאָוועלע „אין יענע טעג", וואָס איך האָב געלייענט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק און זי האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זיכרון. איך האָב געוואָלט וויסן וואוהין עס פירט דער לעבנסגאַנג פון דעם אידעאַליסט און רעוואָלוציאָנער יואל, אָט דעם תמימותדיקן בחורל, וואָס זיין פּאַקטישע, אומ־מיטלבאַרע וועלט, „דאָס שטעטל", איז באַגרע־נעצט, אָבער דערפאַר איז זיין אויסגעחלומטע, אידייאישע וועלט אויסגעשפּרייט איבער אומ־געהויערע שטחים.



י. פרידלאַנד

יואל איז דער יונגער בחורל, דער „תועה בדרכי החיים", וואָס ווערט סוף־כל־סוף גע־צוואונגען זיך מודה צו זיין, אַז צופאַל און סביבה האָבן אַ גרעסערע השפּעה אויף מענטשלעכן לעבנסשטייגער איידער דאָס טוט ווילן. יואלס לעבנסגאַנג שטויסט זיך אָן אין דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו דורך וועלכן מענטשלעכע געפילן און עמאָציעס ווערן זעלטענער באַהערשט דורך דעם אייגע־נעם ווילן איידער דורך די זייטיקע צופאַלן צו וועלכע דער איך ווערט געצוואונגען צו אונטערטעניקן זיך.

יואל, ווי איר שרייבט, ווערט באַווירקט פון די טעזעס פון מאַקס נאָרדאַו און מאַקס שטירנער, אַז אַ מענטש דאַרף זיך באַפרייען פון „קאָנווענציאָנעלע ליגנס" און אַז נאָר „דער עגאָ פון מענטש איז דער עיקר און אַלץ אַנדערש איז ליגן." פונדעסטוועגן איז ער, להיפּוך פון זיין גלויבן, מקריב זיין „עגאָ", און טאַקע דערפאַר, וואָס ער קען זיך ניט באַפרייען פון די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס" וואָס זיי זייבען אין אים איינגעגלידערט געוואָרן, דורך דער סביבה, פון קינדהייט אָן. און פונקט ווי אין זיינע יינגלשע יאָרן האָט ער— איבער די דאָזיקע „קאָנווענ־ציאָנעלע ליגנס"— מקריב געווען זיין „עגאָ" און באַקעמפט זיינע באַטיִרלעכע ליידנשאַפטן צו איין פרוי, אַננאַ, אַזוי טוט ער אויך איצט — איבער די זעלביקע אין אים איינגעוואָרצלטע „קאָנווענציאָנעלע ליגנס"— מקריב זיין זיין „עגאָ", צוערשט אין שייכות מיט שאַראַ און דערנאָך אין שייכות מיט ראָזאַליע.

יואלס עמאָציעס ווערן דערשטיקט, זיינע ליידנשאַפטן ווערן אונטערדריקט און דורך דעם ווערט די האַנדלונג אין דער נאָוועלע פאַרשאַרפט. דאָס קעגנוואַר־טיקע לעבן איז אים דערווידער, זיינע חלומות ווערן ביסלעכווייז אויסגערונען, לייגט ער דאָס גאַנצע געוויכט אויף דער צוקונפט. אין דער זעלביקער צייט איז

ער אָבער באַוואוסטזיניק, אַז דאָס איז זעלבסט־נאַרעריי: מענטש קען אַנדערש ניט לעבן ווי אין קעגנוואַרט. אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען נאָר זכרונות, די צוקונפט איז ניט מער ווי אַ חלום, דאָס ממשותדיקס איז נאָר איצט. גיט אויף יואל זיינע חלומות און זינגט אין כאָר מיט דער סביבה:

לעב שוין היינט — ניט לייג אָפּ אויף מאָרגן!
נעם אויף די רגעס פון דיין לעבן,
ווען זיי קומען דיר אַנטקעגן —
ווי טרוקן ערד, דעם מאָרגן־טוי,
ווי נאַטור־יצירה אין איר רוי.

כדי אויפצוקלערן דעם איינדרוק וואָס איך האָב געהאַט בעת לייענען די פאַרזעצונג פון יואלס לעבנסגאַנג, מוז איך אַ נעם־טאָן זיך עטוואָס אָן אַ זייט. לאָמיר — איר און איך — צוויי יידישע שרייבער, זיך דורכשמועסן מכוח ענינים אין שייכות מיט יידישע ליטעראַרישע עסקים, אין שייכות מיט דעם אייגנטימלעכן שרייבערישן באַרוף אויסצודריקן אין שריפט, זייערע געפילן, שטימונגען, וויסן, די וואָר ווי זי איז און די חלומות וואָס זיי חלומען, ווי זיי צו געשטאַלטיקן לויט זייער אייגענעם אינטימען איינזען. — בקיצור, די אַלע אימפולסן, וואָס באַהערשן שרייבער און זיינען אויף זיי משפיע מיטצוטיילן צום לייענער דאָס וואָס זיי טוען אים מיטטיילן.

און וויבאַלד שרייבער שטעלן זיך אין באַציאונג צום לייענער, איז לחלוטין נייטיק, אַז זיי זאָלן זיך אָפּגעבן אַ געטרייען חשבון — ווי אַזוי און, דער עיקר, וואָס דער לייענער נעמט פון זיי, וואָס זיי שטעלן אים צו.

דער עיקר איז עס וויכטיק צו וויסן פאַר יידישע שרייבער, וואָס — לאָמיר ניט זיין גענאַרט — זיי שרייבן אויף אַ שפּראַך וואָס איז ניט מער צוגענג־לעך צו די דורות, וואָס באַדאַרפן דורך זיי איבערנעמען אונדזערע יידישלעכע גייסטיקע פאַרמעגנס, און דערפאַר מוזן זיי זיך אָפּשיידן פון טריוויליאַטעטן און ווידמענען זייערע שאַפונגען צו ענינים וואָס קענען און באַדאַרפן זיין דויערהאַפט און וואָס זאָלן קענען (אין איבערזעצונגען) געבן חיונה צו די גייסטער פון אונ־דזערע קינדער און קינדס־קינדער פון די דורות וואָס וועלן אונדז נאָכפאָלגן.

יידישע שרייבער דאַרפן זיין באַוואוסטזיניק, אַז אַלע סימנים צייגן אָן אין אַ ריכטונג, אַז זיי זיינען די חתני־תורה, וואָס מאַכן דעם סיום פון אַ הונדערטער יאָריקער גלאָררייכער שעפערישער תורה און וואָס אירע אינערלעכע גייסטרייכע ווערטן גיבן זיי איבער צו די צוקונפטיקע דורות אויף אַ שטייגער ווי די מחברים פון תנ״ך האָבן זייער לשון קודש איבערגעגעבן צום געענדערטן לשון פון די מתקנים פון תלמוד און מדרשים, און די לעצטע האָבן זייערע ווערטן איבערגע־געבן אויף די ווידער־געענדערטע לשונות פון די מפרשים, מקובלים, פייטנים און משוררים, וואָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט, און וואָס ווערט איצט איבערגענומען בירושה אויף דעם ווידער באַנייטן לשון פון מאָדערנעם עברית, וואָס אַנטוויקלט זיך אין ישראל און וואָס איז כרחוק מזרח ממערב פון דעם לשון פון משה רבנו אָדער ישעיה הנביא. פון משהן און ישעיהן איז פאַר די איצטיקע דורות פאַר־בליבן ווייניק לשון, אָבער יאָ פאַרבליבן איז פון זיי גייסט — און דאָס איז מכריע איבער לשון. און פון דעם דאַרפן מיר זיך אויך אָפּלערנען — אויב אונדזער לשון,

לשון יידיש, וועט באַשערט זיין אומצוקומען, טאָ לאָמיר אין אונדזער יידיש איינ־וואָרצלען דעם גייסט, אונדזער שעפערישן גייסט, וואָס ער וועט בלייבן פעסט און זיכער לדור דורות.

יידישע שרייבער דאַרפן פילן, אַז זיי טראָגן אַחריות ניט נאָר צו אונדזער איצטיקן און באַלדיקן לייענער, נאָר אויך צו די צוקונפטיקע דורות. דעריבער— ווען זיי באַציען זיך צום לייענער, און טוען עס אויפן סמך פון קונסט־אויסדרוק, פון אייגנאַרטיקער גייסט־שאַפונג, וואָס אויב ס'האָט ווערט דעם נאָמען קונסט אָדער שאַפונג, מוז עס זיין ניט דאָס פלאַכע און געוויינלעכע, נאָר דאָס טיפערע, דאָס סובטילע, דאָס גייסטיק־לירישע, גייסטיק־יידישלעך־געפילפולע, אָדער— ווען ס'איז אויפן געביט פון עסיי—דאָס פאַרטיפט יידישלעך־חכמהדיקע און יידישלעך־באַגרינדעטע־פילאָסאָפיש־וויסנשאַפטלעך.

און האָבנדיק דאָס אין זינען, שטייען מיר אַלעמאָל פאַר דער דילעמע: אויף וואָכ פאַר אַ קאַנווע און דורך וועלכע פאַרבן זאָלן מיר געבן אויסדרוק צו אונדזער גייסטיקער אָנזאַמלונג פון ווערטן אויף אַ שטייגער, אַז ס'זאָל פאַראינטערעסירן דעם לייענער פון היינט, אַז ס'זאָל אין אים שאַפן דעם חשק דאָס צו לייענען, און אין דער זעלביקער צייט זאָל עס אויך פאַרמאָגן דויערהאַפטיקס פאַר די קומענ־דיקע דורות.

געווען צייטן ווען דער יידישער שרייבער איז געווען אוממיטלבאַר, און ער איז געקומען באַדינען דאָס שטעטל דורך דעם, וואָס ער האָט—מיט זיין אינטע־ליגענץ און פאַרשריט— אָנגעצייגט דעם „שטעטל" דעם וועג ווי דערהייבן זיך צום פאַרשריט וואו דער שרייבער האָט זיך געפונען.

יידישע שרייבער האָבן דאַן באַדינט דאָס יידישע „שטעטל" אויף אַן ענלעכן שטייגער ווי— לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפיל— דער פּאָעט מעקליש האָט לעצטנס געטאָן אין אַמעריקע.

מעקליש האָט גענומען דעם אַלטן ביבלישן איוב און האָט אים אַריינגעפּאַסט אין אַ מאָדערנער אַמעריקאַנער סביבה — אין אַמעריקאַנער „מעין סטריט". האָט עס געהאַט דערפאָלג.

יידישע שרייבער—אַ שטייגער איציק מאַנגער—האָבן געטאָן אַן ענלעכע זאַך נאָך פריער פון מעקליש. איציק מאַנגער האָט אַרונטערגענומען די פאַר־הייליקטקייט פון די ביבלישע געשטאַלטן—אַברהם, לוט, שרה, יצחק, און אַנדערע — און זיי איבערגעפּלאַנצט אין דער פויליש־ליטוויש־אוקראַיניש־רומעניש שטע־טלשער סביבה. איז דאָס „שטעטל" געווען באַגייסטערט פון מאַנגערן.

און ניט נאָר מאַנגער האָט אַזוי געטאָן, אויך די אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שרייבער זיינען געווען פאַרוואָרצלט אין דער זעלביקער יידישער פאָלקסטימלעך־כער שטעטלשער סביבה. אַזוי פּרץ, אַזוי שלום עליכם, אַזוי שלום אַש, אַזוי בערגעלסאָן.

אָבער איצט, צו אונדזער טיפן ווייטיק, האָט זיך די לאַגע גרינטלעך גע־ענדערט. די עצם „שטעטל" איז שוין מער ניטאָ. די „שטעטל" האָבן די דייטשן, די ליטווינער, די פּאָליאַקן, די אוקראַאינער—און דער עיקר, די דייטשן, ימח שמם — אָפּגעווישט פון דער ערד.

דאָ אין אַמעריקע, ווי אין אַרגענטינע, קאַנאַדע, פראַנקרייך, אויסטראַליע, וכדומה, האָבן מיר שוין דעם צווייטן, דריטן און אפילו פערטן דור פון דעם אַלט־

היימישן אויסוואַנדערער — און אונדזערע יידיש־שרייבער ליגן נאָך אַלץ אין אַ מין הינערפּלעט אינעם ערשט אָריגינעלן שטעטלשן דור. זיי זיינען געבליבן שטעקן אין אַ סאָרט ליטעראַרישן מושב זקנים. און, פרעגט זיך, ווער פון דער יוגנט וויל עס דרינגען באַצייטנס אין אַ מושב זקנים?...

געוויס איז אונדזער „שטעטל" אונדז ליב און טייער. דאָרט האָט דאָך אויפן פּריפּעטשוק געברענט אונדזער פייערל; דאָרט איז דאָך אונדזער ציגעלע אַרומ־געפאָרן האַנדלען און געבראַכט אונדז ראָזשינקעס מיט מאַנדלען; דאָרט זיינען מיר אויפגעלויכטן געוואָרן צו איינזאַפּן אין זיך תורה וואָס איז „די בעסטע סחורה."

אָבער איצט זיינען מיר דאָך איבערגעפּלאַנצט געוואָרן אויף אַ נייעם באָדן. אונדזער ציגעלע, די הענדלערקע, האַנדלט שוין מיט מער וויכטיקע סחורות אײדער ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און הגם די תורה איז נאָך אַלץ די בעסטע סחורה — און די בעסטע סחורה וועט זי אויף אייביק פאַרבלייבן! — איז זי אָבער אַנדערש געשליפערט און טיפער געטייטשט. איז אויב יידישע שרייבער קענען ניט אויך זיך איבערפּלאַנצן אויף אַ נייעם באָדן, קענען ניט אַריינטייטשן אונדזער אַלטע סחורה אין דעם נייעם תרגום — פאַרלירט אונדזער קונסט דעם חן — ניט נאָר פון לשון, נאָר אויך, און דאָס איז נאָך וויכטיקער, פון אינהאַלט.

ליטעראַטור איז איינער פון די וויכטיקסטע געצייגן וואָס מיר האָבן אַנט־וויקלט, אין אונדזער מגע ומשא, סיי מיט זיך זעלבסט און סיי מיט דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום. ס'איז אונדזער זעקסטער חוש דורך וועלכן מיר עמפּ־פינדן און דרינגען אַריין טיפער אין דעם אייגענעם איך און דער סביבה פון דעם דאָזיקן איך.

פון דעם איז געדרונגען, אַז ליטעראַטור איז דער אויפקום, אויפשיין, אָפּ־גלאַנץ פון דער ציוויליזאַציע, פון דעם דור וואָס האָט אים פאַרפּולקאָמט — סיי אויפן סמך פון דער אייגענער איניציאַטיווע און סיי ווי דער המשך פון דער ירושה פון דור דורות.

און וואָס שייך אונדזער יידישער ליטעראַטור, איז עס דאָך ערשט אונדזער איצטיקער דור שרייבער, וואָס האָט די פאַרפּולקאָמונג דורכגעפירט. דער פריער־דיקער דור, דער דור פון השכלה, האָט זיך געהאַלטן ביים אַנטיטעזיס פון יידיש־לעכן טעזיס, דעם יידישן סינטעז, האָט אונדז געגעבן דער נייער דור.

לאָמיר זיך אין דעם ענין אָריענטירן:

מענדעלע איז געווען דער גרויסער אָנהייב, דער ערשטער אויפגעקומענער ריז פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אונדז געגעבן גרויסע ווערטן: „די קליאַטשע", „פישקע דער קרומער", שלמה רב חיימס." ער האָט אָבער אונדז אויך געפירט אין דעם „שטעטל" פאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי „גלופּסק", ד"ה, נאַריש, און דאָרט, אינעם „שטעטל", האָט ער קיין אַנדער זאַך ניט געזען ווי די „טאַקסע" מיט די „בעלי הקאָראָבקע", די שטאָט־בעלי־טובות, גאָט'ס סטראַפּטשעס, וואָס שינדן אַראָפּ די הויט ביי די אָרעמעלייט, פירן קהל פאַר דער נאָז און לאָזן אַראָפּ עולמש צדקה־געלטן אין קעשענע. ער האָט געזען די חיצוניות פונעם „שטעטל", איר חונר, אָבער ניט איר גייסטיקע עשירות.

אין דעם זעלביקן דור האָט פּרץ סמאָלענסקין מיט ניט ווייניקער צאָרן אויך געמאָלן זיין „קבורת חמור" און דער גרויסער פּאָעט י. ל. גאָרדאָן האָט געזאָגט מוסר דורך זיין „קוצו של יוד."

דורך אַט־דעם ליטעראַרישן שטייגער, דורך קינסטלערישער פּאַרטיפּטקייט אין דעם נעגאַטיוו איז דער פּאָזיטיוו אויך פּאַרזען געוואָרן. ס'האָט געקענט קומען צום אומקום, ווען ניט דאָס גליק וואָס איז אויפגעשוואונגען אַ נייער דור יידישע שרייבער, ווי: י. ל. פּרץ, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, שלום אַש, און איבער זיי אַלעמען דער ריז פון ריזן — שלום עליכם.

* * *

און איצט וויל איך אַריבערגיין פונעם כלל צום פּרט.

דער פּרט זייט איר, חשובער פריינט י. פרידלאַנד.

ניט איך פיל זיך באַרופן דאָס צו טאָן און ניט איך האָב בדעה דאָ צו געבן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג מכוח אייערע שאַפונגען. דאָס באַדאַרפן טאָן די יידישע שרייבער, וואָס זייער ספּעציעלער געביט איז קריטיק. איך וויל דאָ נאָר באַגנוגענען זיך מיט אָנצייגן אויף אייניקע מעלות, גרויסע מעלות, וואָס איך געפין אין אייער לעצטן בוך: „אין טעג פון גרעאַנגל."

איר האָט אין דעם בוך אויסגעמיטן דעם חסרון פון דריגנען דורכאויס און ניט ווייטער פון דער אַלטער היים. איר האָט „יואלן", דעם הויפּט־העלד פון דער נאָוועלע „אין טעג פון גרעאַנגל" אַוועקגעפירט קיין פּאַריז און דערביי דעקט איר אויף, זייער געלונגען, די דאָרטיקע סביבה פון יידישן אימיגראַנטישן לעבן, וואָס איז אין דער יידישער ליטעראַטור ווייניק באַקאַנט. אַ סך יידישע שרייבער האָבן יאָרן־לאַנג געלעבט אין פראַנקרייך. צווישן זיי: אַברהם רייזען, ז. שניאור, שלום אַש. זיי האָבן אָבער וועגן יידישן לעבן אין פראַנקרייך ניט געשריבן. מיר דוכט אַז איר זיינט דער ערשטער יידישער שרייבער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אויסצופילן דעם דאָזיקן בלויז.

אַ חוץ דעם האָט איר אין בוך פינף דערציילונגען און אַ פּאָעמע, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, וואָס דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע מעלה.

איך האָב אויך הנאה געהאַט צו לייענען אין אייער בוך די אָפט איבערחזרנדיקע נאַטור־בילדער, וואָס ווערן פון אייך אַזוי גוט געמאָלן. זיי לייענען זיך אָפטמאָל ווי לידער אין פּראָזע. איר זיינט איינער פון די זייער ווייניק יידישע שרייבער, וואָס ווייסט און באַגרייפט, אַז מענטש טאָר ניט זיין אָפּגעשיידט פון נאַטור; אַז נאַטור ווירקט אויף מענטש אוממיטלבאַר, און אַז אין דרויסן פון נאַטור קאָן מענטש גאָר ניט געמאָלט זיין. קונסט, לויט מיין מיינונג, איז די פעלדאַרבעט פון גייסט, און איר זייט איינער פון די ניט פילע אין צאָל יידישע שרייבער, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ שאַפונג־שותפות צווישן מענטש און נאַטור.

די נאָוועלע „אין טעג פון גרעאַנגל" איז ניט געמאָלן אויף אַ ברייטער קאַנווע, פונדעסטוועגן איז דאָרט אין באַגרעניצטן כמות אַריינגעפּאַסט אַ סך איכות — אין באַגרעניצטע שורות איז אַריינגעגעבן אַ סך אינהאַלט; אָפט מאָל מער אינהאַלט צווישן די שורות איידער אין די שורות גופא. יעדער באַזונדערער עפּיזאָד קריגט באַטייט אפילו דאָרט וואו די קאָנטורן זיינען בכוונה געמאָלן מטושטש, ווי ס'פּאַסירט אָפט אין די בילדער וואָס זיינען דאָרט אַרויסגעבראַכט.

אין דער נאָוועלע פילט זיך ניט די כוונה צו דערציילן ממשותדיקע האַנדלונגען, נאָר, וואָס איז וויכטיקער צו פאַרשן דעם פלאָנטער און די ספקות פון מענטשלעכן געוויסן, די מקורות פון גייסטיקע יסורים, די אומבאַשטימטע גרענעצן צווישן אילוזיע און ווירקלעכקייט.

**משה צוקער**

# וויסן, אומוויסן און־רשעות

רשעות, פאר זיך אליין, איז דאס עקלהאפסטע, וואס בלויז דער מין מענטש איז דערמיט באשטראפט. אפילו די חיה האט ניט אזא צאצקעדיקע אייגנשאפט צו טאן שלעכטס לשם רשעות. אין איר אינסטינקט צו שטילן דעם הונגער איז זי טאקע ברוטאל, אבער זי מאטערט ניט דעם קרבן, ווי עס טוט א רשע אויף צוויי פיס. פארשטייט זיך אז עס זייבען פאראן גראדן פון רשעות: טיילמאל איז עס גלאט אזוי, לשם שלעכטס, אן אן אייגן נוצן, און טיילמאל שאפט מען זיך א טעאריע דערפאר: מ'וויל זיך אליין אויסשרייבן אן אטעסטאט פאר די „מעשים טובים." דא קומט שוין אין באטראכט די אייגענע דערגרייכונג אויפן אינטעלעק־טועלן געביט, צוזאמען מיטן כאראקטער, אייגנשאפט, און איבערהויפט מיט דער מעגלעכקייט און פאזיציע וואס מען באזיצט, אין וועלכן עס איז קרייז. א קליין מענטשעלע, וואס וויל זיך ארויסרוקן מיט מער ווי ער איז דערצו באַרעכטיקט, שארט זיך מיט די עלנבויגנס אינם ענגן קרייז, מיט וועלכן ער קומט אין בארירונג און קריגט זיין קרבן דא און דארט. יענעמס פארביטערונג ליגט אים אין דער לינקער פיאטע — אבי מ'האט זיך די רשעות־תאוה געשטילט. טאמער דארף מען זיך וואו־ניט־וואו צוריקציען, טוט מען עס פארביסן פאר א ווייל, ביז עס קומט א גינסטיקע געלעגנהייט און מע באווייזט זיך ווידער מיט ציין און נעגל. דאס גאנצע חיות פון אזעלכע איז א קייט פון בייזקייטן עד סוף.

אויף א פויערל מיט שלעכטע אייגנשאפטן זאגט מען געוויינלעך: „ער איז כיטרע." אויף א מער אנטוויקלטן, וואס קען שוין אביסל די קליינע אותיות, זאגט מען: „ער איז שלוי," „ראפינירט", אבער דער קוואל פון די אלע שלעכטקייטן קומען פון א געוויסן איינשטעל, וואס דער מקור דערפון איז פאר א פרעמדן שווער

---

דאס בוך לייענט זיך לייכט, דער סיפור המעשה איז ניט קאמפליצירט און די דיאלאגן זיינען איינגעהאלטן, ווי עס באדארף צו זיין. ניטא דארט קיין איבעריקע רייד און אוודאי ניט קיין פלאפלעריי. יעדעס ווארט, יעדער ארויסגעזאגטער געדאנק באלייכט דעם ענין און גיט צו קאליר צו די פאסירונגען.

פון יואלן, דעם הויפט־העלד אין „די טעג פון גראנגל", שיינט ארויס א גייסט, וואס קלעטערט אן אויפהער איבער דערהייבענע מדרגות; ער האט אן אויג צו אלץ וואס קומט פאר אין מענטשלעכן לעבן; ער שמייכלט מיט א מילדן שמייכל, קען זיך ניט צופאסן צו דער ווירקלעכקייט און שוועבט ארום אין אן עולם התוהו.

איר האט, ליבער פריינד פרידלאנד, אין דער נאוועלע איבערגעלאזט יואלן אויף דער שיף, וואס פירט אים קיין אמעריקע. די נאוועלע איז נאך ניט פאר־ענדיקט. אייערע לעזערס וועלן געוויס וועלן וויסן ווי יואל האט זיך צוגעפאסט צו דער נייער וועלט און ווי עס האט זיך דא אנטוויקלט זיין באנייט לעבן. איך וויל האפן, אז דאס וועט אויפקלערן אין דעם דריטן בוך פון אייער „יואל"־טרילאגיע.

דערווייל א יישר־כוח אייך פאר די ערשטע צוויי ביכער פון דער דאזיקער טרילאגיע.

פעסטצושטעלן. ערגעץ־וואו האָבן אַזעלכע געהאַט אַ שטיקל דערפאַרונג, וואָס זיי האָבן עס גענומען פאַר אַ מוסטער פאַר זייער גאַנץ לעבן, וואָס מ׳קען עס מיט קיין שום גוטסקייטן ניט איינשטילן. זייערע קרבנות זיינען גראָד די דאָזיקע וואָס מיינען עס גוט. אין קליינעם און אין גרויסן פאָרמאַט האָבן מיר עס אויף שריט און טריט. אַזוי אין דער משפחה ווי אין דער געזעלשאַפט. די רשעות־פּילן מיט זייערע „געווירצן" ווירקן מיט זייער גיפטיקן סם.

רשעות פאַר זיך אַליין איז ווי שיכרות. עס פאַרצערט דעם אייגענעם גוף און נשמה און טוט אָן צרות אַנדערע. דעמאַגאָגיע דאַקעגן שלייערט אַרום די אייגענע שלעכטקייטן מיט פראַזן וואָס בלענדן דעם עולם־גולם. אויף דעם אופן כאַפּן זיך אַריין אַזעלכע פאַרשוינען אויף פּאָזיציעס צו וועלכע זיי האָבן ניט קיין שייכות, און ווערן נאָך געשיצט דורך אַ געהיימער מאַכט. געזעצן וואָס דאַרפן זיין גילטיק פאַר אַלעמען גלייך איז געווענדעט אין וועמענס הענט און אויסטייטשער זיי זיינען. אַ רשע פּסקנט מיט כעס; אַ פיינער כאַראַקטער דערקלערט אויף מיט איידלקייט כדי צו פאַרמינדערן די ליידן וואו נאָר ס׳איז מעגלעך. אפילו אַ האַרבער גזר־דין איז געווענדעט פון וועמענס מויל עס קומט אַרויס און מיט וואָס פאַר אַ מעטאָדן מ׳פירט עס אויס.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די העכסטע שטופע פון רשעות און שלעכטס איז דערגרייכט געוואָרן אין דער אָרגאַניזירטער איינהייט פון נאַציזם און קאָמו־ניזם, וואָס זייער שאָטן פאַרפאָלגט אונדז ביז היינט. די זאַך ווערט נאָך קאָמ־פּליצירטער דורך דעם, וואָס טראָץ אַלעמען, קענען מיר ניט אַלץ מיט אַנאַנדער אַריינקוועטשן אין איין פאָרם פון פולער שלעכטקייט, אָדער פולער גוטסקייט. איעדער נעמט פאַר זיך אַליין — אין געוויסע אומשטענדן — זיין אייגענעם חלק צו וועלכן ער איז בוטה, און קענט דערפון אויס זיין אייגענע פערזענלעכקייט. און דאָך איז שווער, גאַנץ שווער, אַפּצומעסטן איעדן באַזונדער. מיר וויסן בלויז אַז זייער גיפט איז שעדלעך אויף וועלכן אופן זיי זאָלן עס אונדז ניט וועלן אַריינ־שפּריצן. זייער געדאַנק אַליין איז פול מיט שעדלעכקייט.

מיר ווילן אָבער דאָ צוקומען אין שייכות בין־אָדם־לחברו׳דיקן איינשטעל, וואָס איז אין איעדער געזעלשאַפטלעכער פאָרם אַ וויכטיקער ענין. אַלע וועלט־אידעאַלן וועלן זיך צעפאַלן ווי קאָרטן־שטיבלעך אין אַ לייכטן ווינט, ווען רשעות וועט הערשן אין די שמאָלסטע קרייזן. עס איז ווי אַ פייער וואָס שפּרייט זיך אויס ווען מ׳פאַרכאַפּט עס ניט באַלד אין צייט. קינדער און גרויסע דאַרפן אַלעמאָל ווערן געוואָרנט קעגן דעם. און דאָ קומט אַריין דער מאָראַלישער באַגריף מיט וועלכן מוסר־ספרים זיינען באַלאָדן. דער פועל־יוצא פונם רעליגיעזן און וועלט־לעכן איינשטעל איז דאָך געצילט צום מאָראַלישן סך־הכל. קיין אַנדער מאָס האָבן מיר ניט.

אַלע זיינען מיר קרבנות פון איינגעוואָרצלטער רשעות — אפילו די דאָזיקע וואָס זיי דאַכט זיך צו פאַראַפּטירן דערפון. דער חשבון־הנפש איז ניט גראָד געמאַכט געוואָרן בלויז פאַרן חוטא, וואָס האָט הפקרדיק געזינדיקט אַלע זיינע יאָרן און אויף דער עלטער איז ער אונדז גאָר מיט פאָמפּע „מזכה" און דערקלערט אַז ער האָט מכלומרשט חרטה. אַזעלכע געוועזענע בעלי־עברהניקעס זיינען ניט שטענדיק פונם בעסטן סאָרט. פאַר די „יונגע פירות" איז נאָך אַלץ דאָס געזונט־סטע צו פאַרהיטן זיי, אַז ווערים זאָלן זיך אין זיי ניט אַריינכאַפּן. ווייל קוים פאַר־

נאַכלעסיקט מען דאָס, העלפט שוין ניט דאָס שפּעטערדיקע איבערקלייבן. דער שאָדן איז שוין פריער אָפּגעטאָן געוואָרן!

עס דערמאָנט זיך מיר אַ סצענע: אַן אַכט־ניין יאָריק בחורל, אַ באַ'פּאות־טער, שטייט לעבן אַן אָפענעם פענצטער אין ברוקלין, אויפן ערשטן גאָרן פון אַ חסידים־קלייזל, יום־כיפור, און הערט ניט אויף שרייען, מעשה גרויסער, זיינע עוונות פונם מחזור אַרויס, קלאַפּט זיך אין האַרצן, אַזוי ווי ער וואָלט חלילה מיט די קלעפּ אַ וועלט חרוב געמאַכט. זיין דבקות איז אין־לשער! אָבער איינס בין איך זיכער, אַז קיין שאָדן מיט דעם טוט אַזעלכער קיינעם ניט — אפילו ניט זיך אַליין.

אונדז זעט אויס ווילד אַזאַ עקסטרעמע דערציאונג, אָבער אַ הפקרדיקע דער־ציאונג איז פיל שעדלעכער. ניט אַלע קינדער זיינען פעאיק זיך אַליין צו דער־גרונטעווען צו אַ גוטן וועג, בו, שאַדט ניט ווען זיי געוואוינען זיך פון דער פריער יוגנט אָן צו אַן אייגענעם חשבון־הנפש. זאָל זיך נאָר אַיעדער טיפער אַריינקוקן אין זיינע שפּראָצלינג־יאָרן וועט ער געפינען אַ היבש ביסל פסולת, וואָס וואַרצלט נאָך אין אים פון יענער צייט. דער וואָס זוכט צו באַרעכטיקן אַלע באַרישקייטן וואָס מ'איז באַגאַנגען — דער איז אויף קיין חשבון־הנפש ניט פעאיק.

ביז אַ געוויסן גראַד איז פרויד גערעכט. פריער, פאַר אים, האָט עס נאָך די תורה פאַראַלגעמיינערט מיט דעם געדאַנק: „יצר לב האדם רע מנעוריו", אָבער פרויד האָט קיין רפואה צו דער מכה ניט געגעבן. ער האָט נאָר בלויז מער פאַר'יצר־הרע'ועט דעם דערוואַקסענעם מיט זיינע „פירושים".

דער סך־הכל: רשעות דאַרף מען אָנהייבן אויסצעוואָרצלען פון זיך, פון קינדוויז אָן, אַז מ'זאָל זיך ניט איינבעסטעווען ווי אַ געשוויר, וואָס מען קאָן פון אים שפּעטער מיט „שפּרוכן" ניט פּטור ווערן. אויף דער קראַנקהייט איז אַיעדער פאַר זיך אַליין דער בעל־הבית.

## נ. שמנ'ס פונדאַמענטאַלע ווערק: באַציאונג צו אַרבעט און אַרבעטער

ס'איז מער ווי אַ ווערק פון באַציאונג צו אַרבעט און אַרבעטער; מיר וואָלטן עס באַצייכנט ווי אַן ענציקלאָפּעדיע פון יידיש וויסן, אין ליכט פון קאַפּיטאַל און אַרבעט; סאָציאַלער קאַמף פאַר פרייהייט, דערהייבנקייט און חשיבות צום מין מענטש.

אין זיינע צוויי בענד פון קנאַפּע 1000 זייטן, עלאַבאָרירט נ. שמן איבער פּראָבלעמען, ניט נאָר פון יידישע אַספּעקטן, נייערט איבער פראַגן פון אַן אוני־ווערסאַלן תוכן און כאַראַקטער.

ס'איז אַ ווערק אָנגעפּראַפּט, ווי קערנער פון אַ מילגרוים, מיט אידייען און געדאַנקען פון עטיק און סאָציאַלן יושר; געקניפּט און געבונדן מיט דער באַצי צו אַרבעט און אַרבעטער, וואָס איז אָנגעמאָסטן און געאייגנט צום ייד און ניט־ייד.

די צוויי בענד זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פונעם מחבר, געדרוקט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1963.

ז. בונין

# איך ווער אַ קלעזמער

(פראַגמענט פון מיין בוך: „פון פרילינג ביז האַרבסט")

אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, פטור געוואָרן פון חדר מיטן רבין מיטן קאַנטשיק, און מען זוכט פאַר מיר אַ תכלית. און אַזוי ווי נאָך קליינערהייט האָט מיך געצויגן צו קלעזמער, זיי נאָכגעלאָפן אויף פאַראַדן, אויף חתונות, געריסן האָר פון פערדישע ווידלען און דערפון געמאַכט פידעלעך, אַ זעץ טאָן אין באַראַבאַן (פויק) ווען יאָשע פויקער האָט זיך פאַרקוקט — אַט־טאַקע פונקט ווי שלום עליכם דערציילט עס אין זיינע וואונדערלעכע מעשיות וועגן די קליינשטעטלדיקע ייִנגלעך.

איך האָב געהאַט אַ חבר אַ קלעזמער, יוסופקע דעם שוואַרצן מלמדס, און ער האָט מיך צוגערעדט ווערן אַ קלעזמער. און אַזוי ווי מיין טאַטע האָט זייער ליב געהאַט מוזיק, אפילו אַליין פאַרפאַסט מוזיק צו די לידער וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער מיך גערן אָפּגעגעבן צו שליאַמע דעם קלעזמער אויף 2 יאָר אין דער לער.

מיין טאַטן האָט זיך זייער געוואָלט איך זאָל שפּילן פּידל, אָבער אַז מיר זיינען געקומען צו שליאַמען, האָט ער געזאָגט: ר' אפרים יצחק, ווען מען הערט זיך צו צו די טאַטעס וואָס גיבן אָפּ זייערע קינדער פאַר קלעזמער, וואָלטן אַלע קאַפּעליעס באַשטאַנען פון גאָלע פידלען... און דערצו, אַז נאָר זיינע זין האָבן די חזקה אויפן פידל... און געהאַט האָט ער דריי זין, און אַלע דריי האָבן געשפּילט פּידל. ער וועט מיך לערנען, האָט ער געזאָגט, אויף דער „וואַלטאַרניע", אַ קיילעכדיקע טרובע, אַזוי ווי אַ גרויסער בייגל.

— וואָס אַרט אייך, ר' אפרים יצחק, אַ וואַלטאַרניע איז ניט גלאַט אַ סעקונדע־אינסטרומענט; די וואַלטאַרניע איז די אַריסטאָקראַטקע צווישן די מעשענע כלים; זי האָט זייער אַ פיינעם טאָן און זי שפּילט אויך סאָלאָ.

לערנענדיק זיך ביי אים אויף דער וואַלטאַרניע, האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט די געהיימע קלעזמער־שפּראַך, וואָס איז אויך די גנבים־שפּראַך. למשל:

ברויט — קרעל; אַ קאָפּיקע — אַ מאַשלינקע; צוויי קאָפּיקעס — באַקער מאַשלינקעס; אַ חתן — סאַמסאָן; אַ כלה — לאַכמע; אַ מחותן — טאַמון; אויגן — זיקרעס; פלייש — שפּליאַכע; אַ גנב — אורקע; טורמע — צינק, אָדער ציגטאָווקע. הכלל — גאָר אַ טשיקאַווע שפּראַך; ס'פאַרשטייט זיך אַז איך האָב מיין שוועסטער שיינע דאָבען אויסגעלערנט אָט־די געהיימע שפּראַך און מיר האָבן אין הויז גערעדט אונדזער אייגענעם לשון. נו, האָב איך זיך איינמאָל מיט אָט־דעם געהיימען לשון אויסגעריכט אַ ווילדן סוף:

שבת בייטאָג, ביים עסן, האָט גראַד דאָבע געהאַלטן אַ רוסישן בוך, און ווען דער טאַטע האָט עס דערזען, האָט ער זיך אויף איר זייער צעשריגן, ווארום זי האַלט אַ טריף־פסול און נאָך אום שבת! האָב איך צו איר אַ זאָג געטאָן אויף אונדזער געהיימער שפּראַך: „אָף באָוועס בעריעז." דאָס הייסט: לאָמיר אויפהערן עסן, און דאָס איז געווען דאָס ערגסטע וואָס מיר האָבן אים געקאָנט אָפּטאָן.

— וו־אָ־ס — האָט דער טאַטע מיך געגעבן אַ שטאָך דורך מיט זיינע ביסטרע צוויי אויגן — אָף באָוועס בעריעז, האַ? איר וועט ביי מיר הערוואָרגן ווערן און עסן! . . .

הייבט גיי ווייס אַז ער ווייסט קלעזמער־לשון אויך! אַז אַלץ האָט ער געוואוסט און געקאָנט, דער טאַטע מיינער!

אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט. חברה קלעזמאָרים, אייניקע באַ־ווייבטע, אייניקע בחורים, פלעגן קומען יעדן טאָג אינדערפרי אויף „רעפּעטיציע". קבצנים, אָבער פריילעכע יונגען. און ווען ביי איינעם האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פּאָר קאָפּיקעס צו קויפן אַביסל בראָנפן, און ווער רעדט נאָך אַ הערינג, אַ ציבעלע און אַ פּאָר קיכלעך דערצו, האָט מען געמאַכט אַ סעודה און ס'איז געווען חי־געלעבט...

גוט איז געווען אויף אַ חתונה, איבערהויפּט אַ פּריצישע. ביי יידן האָט מען אויף קלעזמאָרים געקוקט ווי אויף שלעפּערס, אויסגעלאָסענע יונגען; ביי די פּריצים אָבער, זיינען די „מוזיקאַנטי" געווען זייער געאַכט, באַלד אַזוי חשוב ווי די מחותנים אַליין. אויף די גוישע ימים־טובים פלעגן מיר אַרומפאָרן צו די פּריצים אויף „פּאַזדראַווקעס" — באַגרסונגען הייסט עס.

אַריין אין אַ פּריציש הויז, שיסט שליאָמע דער קלעזמער אַרויס: „זאַ זדראַוויו יאַקים איוואַנאָוויטשאַ, אין יעווא ליובעזנאַי סופּרוגע פּולכעריאַ יאַקי־מאָוונאַ!" און מיר, די קאַפּעליע, גיבן אַ זעץ אַ מאַרש, אַ וואַלס, אַ מאַזורקע.

טישן שטייען פון כל טוב: פאַרשידענע קעזן, פיש, הערינג, האַרטע אייער, קאָלבאַסן, וויעטשינאַ, און וואָדקאַ — ממש פון טיי־גלעזער געטרונקען. איך האָב זיך אויסגעלערנט טרינקען גיכער ווי שפּילן... ווי אַזוי מיר זיינען דערפאָרן אַהיים, איז מיר אַ וואונדער עד היום. אפשר אַ דאַנק דעם וואָס די פערד אונדזערע האָבן ניט געטרונקען...

גלייך אין אָנהייב פרילינג פלעגט אָנקומען אין מענא הריציוס אוקריינישע טרופּע. מיר האָבן שוין געקענט אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, און געשפּילט האָט די טרופּע אין באַראַנאָווס סאַד. קיין אייגענעם אָרקעסטער האָט הריציי ניט געהאַט, פלעגן מיר שפּילן ביי אים אין טעאַטער; צוויי מאָל אַ וואָך פלעגן מיר פאָרן מיט דער טרופּע קיין סנאָווסק.

די ערשטע פּיעסע וואָס איך האָב געזען איז געווען „טאַראַס בולבאַ", וואו ער, טאַראַס, מיט זיינע קאָזאַקן, שלאָגן זיך מיט די פּאָליאַקן. מילא, פון יעדן שאָס איז מיר איינגעפאַלן דאָס האַרץ פאַר שרעק, און לסוף, ווען ער פאַרלירט די שלאַכט און די פּאָליאַקן פאַרברענען אים לעבעדיקערהייט, האָב איך געזען אַ נקמה אַן אים פאַר זיין אַזוי איזדיעקעווען זיך איבער דעם אָרעמען „רודי יאַנקעל."

שליאָמע אַליין מיט זיינע זין, האָבן, ווי פריער געזאָגט, געשפּילט פּידל. ער, שליאָמע, איז זייער ווייט געווען פון אַ ווירטואָז, און יעדן מאָל ווען איך האָב אים געזען שפּילן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער סמיק, מיט וועלכן ער פירט אַרויף און אַראָפּ, איז אַ חלף, און ער קוילעט מיט דעם דעם פּידל...

די מעשענע כלים זיינען געווען אַזוי אַלט, צעבויגן און צעלעכערט, אַז מיר פלעגן די לעכער פאַרקלעפּן מיט פרישן ברויט, אָבער בלאָזנדיק אין דעם אינס־טרומענט, איז דאָס ברויט צעווייקט און אַוועקגעבלאָזן געוואָרן. איז דאָך קיין וואונדער ניט, אַז ווען אַ רייכער באַלעבאָס אין שטאָט האָט באַדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד, זאָל וועלן אַראָפּברענגען אַ לייטישע קאַפּעליע, און אַזאַ לייטישע קאַפּעליע איז געווען אין סאָסניצע, מיט כעמיע גלאָטניקאָוו בראש — אַ גרעסערע שטאָט, צוואָנציק ווערסט אַוועק. און זיינע קלעזמאָרים זיינען טאַקע געווען כמעט אַלע „סטעמפּעניוס".

איז ווען ר׳ הילע פעקעראָווער, אַ יוסטער באַלעבאָס ביי אונדז אין שטעטל, האָט באַדאַרפט חתונה מאַכן זיין זון, האָט ער אָנגעשטעלט די סאָסניצער קאַפעליע צו שפילן אויף זיין חתונה, און ווען שליאמע דער קלעזמער האָט עס דערהערט, און איז געלאָפן פריער צום בעל שמחה, און נאָכדעם צום רב: ס׳טייטש, וואו איז יושר? מען וואַרט, מען קוקט אויס די אויגן טאָמער וועט גאָט צושיקן אַ חתונה איינמאָל אין אַ שמיטה, ברענגט מען גאָר אַראָפ פרעמדע קלעזמער?! האָט דער רב געפסקנט אַזביידע קאַפעליעס מוזן שפילן, און אַזוי, פאַרשטייט זיך, איז עס געבליבן.

איז אָבער אַפנים ווי מיט פיל אַנדערע זאַכן אין לעבן, קיין הונדערט פראָצענט פאָרט ניטאָ: ווארום אָט ווי די סאָסניצער קאַפעליע איז געווען שוין איינמאָל אַ קאַפעליע, האָט עס דאָך געהאַט אַ שטיקל חסרון:

דער פויקער פון דער קאַפעליע, ר׳ בערע בייראַך, איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש און אין צו דער עלטער טויב געוואָרן ווי צען טויבע. פאַרוואָסזשע טאַקע האָט אים כעמיע געהאַלטן? איז ערשטנס, קלעזמער זיינען אַ גוטהאַרציק און גוט־ברודעריש פאָלק, איז וויאַזוי זאָגט מען עס אָפ אַ מענטשן טאַקע ווייל ער איז שוין אַלט געוואָרן און האָט אָפגעשפילט אַ לעבן מיט דער קאַפעליע?

צווייטנס, האָט ער דאָ געהאַט ניט איינעם, נאָר צוויי צדדים: איינער, אַ זון זיינען, ר׳ הירש בייראַך, אַ ייד מיט אַ הדרת פנימדיקער באָרד, מיט ליכטיקע בלאָע אויגן און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף זיין פנים, האָט געשפילט ערשטע פידל. איז עס דאָך ניט שייך גלאַט אַזוי גערעדט: „געשפילט״, ווארום צום שלייער־וואַרמעס, ווען ער האָט אונטערהאַלטן דעם עולם און גענומען „ווייזן וואָס ער קאָן״, די אויגן בשעת מעשה פאַרמאַכט, דעם לינקן אויער צוגעטוליעט צום פידל, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום פידלס האַרץ־קלאַפן, און די טענער — ווי אַ טשאַטע קאַנאַריקלעך וואָלטן פון פידל אַרויסגעזונגען, כאָטש נעם און פאַרמאַך טיר און פענצטער, אַז די פויגעלעך זאָלן חלילה ניט אַרויספליען.

אַ צווייטער זון זיינער האָט געשפילט קלאַרנעט, האָט עס ביי אים ממש געוויינט, געלאַכט און גערעדט.

דריטנס, אַז מען וויל נאָר גיט מען זיך אַן עצה: ר׳ בערע בייראַך האָט געוואוסט אַלע טענץ, פאַרשטייט זיך איידער ער איז טויב געוואָרן, און דערצו, ווער עס ווייסט נאָר עפעס פון מוזיק, ווייסט, אַז אַ מאַרש, למשל, האָט צוויי־פערטל טאַקט; אַ וואַלס — דריי־פערטל טאַקט; אַ מאַזורקע — זעקס־אַכטל, און אַזוי ווייטער. איז געבוג געווען אַז דער קאַפעלמייסטער האָט אים מיט זיין צויבערשטעקעלע געוויזן דעם טאַקט, און ער האָט שוין געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן. און דעם חופה־מאַרש האָט ער דאָך געקאָנט שפילן אפילו ווען מען וועקט אים פון שלאָף!

נו, איז ווען מען האָט זיך געלאָזט פירן דעם חתן צו דער חופה, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט אין מיטן מאַרק, און די פראָצעסיע האָט זיך צוליב עפעס אַ סיבה אָפגעשטעלט, האָט דער פויקער ניט געזען אַז מען האָט זיך אָפגעשטעלט, און, פאַרשטייט זיך, ניט געהערט אַז די מוזיק האָט אויפגעהערט, און אַזוי ווי ער מיט זיין פויק איז געגאַנגען אין פאָראויס, איז ער אַזוי אַוועק איבערן מאַרק, געזעצט אין פויק און אין די טאַצן — בום־צאַ, בום־צאַ, בום־צאַ־צאַ־צאַ...

און ווען איך לויף אים ניט נאָך און שטעל אים ניט אָפּ, וואָלט ער אָנגעקומען צו דער חופּה אָן דעם חתן...

מיך האָט שטענדיק געוואונדערט, וואָס אויף גויאישע חתונות איז געווען אַזוי פיל פרייד, און אויף אידישע — אַזוי פיל טרויער. אַ טאָג פאַר דער חתונה פלעגן מיר, קלעזמער, גיין אין די הייזער פון כלהס און חתנס צד שפּילן „דאָברי־דענס", זיינען די דאָברידענס געווען אַזעלכע טרויעריקע, אַט טאַקע ווי אַ טרויער־מאַרש, און די מחותנים האָבן געכליפּעט ווי די ביבערס... היינט צו כלה־באַדעקן, צו חופּה־וועטשערע — יידן האָבן געוויינט!

איינמאָל, שפּילנדיק פּילקע מיט מיין שוועסטער, האָט זי מיר געטראָפן מיטן שטעקן אין מויל און מיר אויסגעבראָכן אַ צאָן און איך האָב שוין מער ניט געקאָנט שפּילן אויף דער וואלטאַניע, און מיין מוזיקאַלישע קאַריערע האָט זיך פּלוצים געענדיקט. און נאָך ביז איצט גייט מיר נאָך די בענקשאַפט נאָך מיינע קלעזמער יאָרן. אָט איז אַ טייל פון אַ ליד וואָס איך האָב פון מיין קלעזמער־צייט געשריבן שוין מיט יאָרן שפּעטער:

אָט זע איך די הויז פון ר' שליאָמע דעם קלעזמער,
איך שווער, ווי איך הער די קאַפּעליע.
איך שפּיל די וואַלטאַרניע, און בער — דעם טראָבאָן,
און עס הויבן זיך טענער צום סטעליע.

עס הויבן זיך טענער צום סטעליע. און שליאָמע—
ער שטייט מיטן סמיק איבער מיר:—
„עס טאַ־טאַ, עס טאַ־טאַ, אַ רוח אין דיין טאַטן,
קיין לייט וועט ניט זיין שוין פון דיר."

איז טאַקע קיין לייט שוין פון מיר ניט געוואָרן,
אומזיסט פון די נאָטן געליטן,
און גאָר אין מיין יוגנט, האָב איך די וואַלטאַרניע
אויף זעג און אויף הובל פאַרביטן.

---

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר צושיקן מיר אייער זשורנאַל. איך באַוואונדער אייער אויסגעהאַלטנקייט און עקשנות. נעמט צו מיין ביישטייער צו דעקן אייערע הוצאות.

מיט די בעסטע וואונטשן, אייער,

**וול. גראָסמאַן (זשענעווא)**

חשובער קאָלעגע י. פרידלאַנד:

איך באַגריס אייך און אַלע קאָלעגן מיטאַרבעטער צו צענטן יובליי־נומער פון אייער פערטל יאָר שריפט „חשבון". איך ווינטש אייך נאָך אַ סך יאָרן האַלטן הויך דעם פאַקל פון יידישן וואָרט ביים פּאַסיפישן ים־ברעג.

אייער,

**דוד ראַפּאַפּאָרט**

גאָלדע שלאָסבערג־דראַזד

# מיט אַ שטילן טראָט

(סקיצע)

שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר ווי אברהם אַרבעט ביי סמיטן אין זיין אַפּטייק לאַבאָראַטאָריע. דאָ האָט ער געפּילט איז זיין קיניגרייך; דאָ האָט ער צוזאַמענ־געשטעלט די רעצעפּטן; יעדע פלעשל און קעסטל אויף די פּאָליצעס מיט די מעדיצינען איז געווען מיט זיין שיינער האַנטשריפט געשריבן, און אַלץ אַרום איז אים געווען אייגן און נאָענט. אַ זוניקער שמייכל פלעגט זיך פאַרשפּרייטן אויף זיין פּנים, ווען ער פלעגט הערן: „דר. לעווין, זייט אַזוי גוט, קומט אַרויס."

אַברהם לעווין איז געווען אַלט פינף־און־צוואַנציק יאָר, ווען ער איז פון דער גרויסער שטאָט געקומען אַהערצו, אין דעם קליינעם שטעטל, וואו זיין שוועסטער און איר משפּחה האָבן געוואוינט. ער האָט געמאַכט מיט זיי דאָ זיין היים, ווען ער האָט געקראָגן די שטעלע ביי סמיטן אין אַפּטייק. ער האָט געפילט, אַז דאָ, אין דעם קליינעם שטעטל וועט ער געפינען מנוחה. דאָס שטעטל איז געווען איינגעטונקען איןביימער און בלומען און אַ ליכטיקן הימל איבערן קאָפּ. דאָס אָרטיקע האָט אים אין זיין קליין ליטווישן שטעטל פאַרטראָגן. דאָ, האָט ער גע־טראַכט, וועט ער קאָנען רואיק אַרבעטן און לעבן.

אין דער נאַטור איז ער געווען אַ מענטש, וועלכער האָט ליב זיך טיילן מיט זיין אָנגעזאַמלטן וויסן, און אַז דאָ וועט ער געפינען מענטשן וועלכע נויטיקן זיך אין דעם געלערנטן וואָרט.

מיט דער צייט האָט ער אין דעם שטעטל אָרגאַניזירט פאַרשידענע קלאַסן, געהאַלטן לעקציעס פאַר זיי איבער מאַרקסן און ענגעלסן, אידישע געשיכטע, ליטעראַטור — און בעיקר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נאַציאָנאַלער אידייע. אַברהם פלעגט אָפט אַראָפּברענגען באַוואוסטע שרייבער פון דער נאָענ־טער גרויסער שטאָט צו האַלטן לעקציעס וועגן ליטעראַטור. אַברהם האָט געהאַט גרויס פרייד פון זיינע צוהערער; ווען זיי פלעגן נאָך זייער אַ לעקציע אים אַרומ־רינגלען און אים דאַנקען, פלעגט ער זיי ענטפערן: א י ך דאַרף א י י ך דאַנקען פאַרן ווערן מ י ך אויסהערן, פאַר געבן מיר די געלעגנהייט, מחמת איך אַליין לערן אויך פון דעם. און ווי זיין טבע, פלעגט זיך אַ ליכטיקער שמייכל פאַר־שפּרייטן אויף זיין שיין פּנים.

ביי איינעם פון זיינע רעפעראַטן האָט ער פלוצלונג באַמערקט אַז דער רוב פון זיינע צוהערער זיינען שוין גרויע און שלעפערדיקע קעפּ... אַ גרויליקער געדאַנק האָט אים באַוועלטיקט: בין איך שוין אויך אַזוי אַלט ווי זיי? אין דעם מאָמענט איז זיין בליק געפאַלן אויף ליובאַס ליכטיק געשטאַלט. ווער ווייסט, אפשר דענקט זי וועגן אים, אַז אויך ער איז אַלט?... עפּעס ווי אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן און טראָפּן שווייס האָבן זיך אַ קייקל געטאָן איבער זיין הויכן שטערן. ער האָט אַרויסגענומען דאָס טאַשן־טיכל, אָפּגעווישט דעם שווייס און פאַרגעסן די לעקציע.

נאָך דער לעקציע איז ער מיט ליובאַן אַרויס אין גאַס. זי האָט אים אַ נעם געטאָן שטיפעריש אונטערן אָרעם, זיך צוגעטוליעט נאָענט צו אים און ביידע

האָבן אַוועקגעשוועבט איבער די נאַכטיקע גאַסן. דאָס שטעטל האָט זיך געבאָדן אין לבנה־ליכט, פון איין זייט — דאָס שטעטל, פון דער אַנדערער זייט — ווייט, ווייט, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן, זיינען געלעגן פעלדער ווי אין דרימל איינגעהילט. אַברהם האָט צוגעדריקט ליובעס אָרעם. ער האָט זיך גאָר־ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די נאַטור קאָן זיין אַזוי שטיל, אַזוי רואיק. ער האָט שטאַרק אַ צי־געטאָן דעם אָטעם אין זיך און דערפילט טיף אין זיך די נאַכט־לופט און צודריקנדיק ליובען צו זיך, זיינען זיי אַוועק מיט זיכערע טריט. ליובעס באַנטקייט האָט אַברהמען אויפגעהייטערט, און אַזוי גייענדיק זיינען זיי אָנגעקומען צו ליובאַן אין שטוב.

ביים עפענען די טיר האָבן זילבערנע לבנה־שטראַלן אַ שלאָג געטאָן אויף זיי און אויף אַלץ וואָס איז געווען אין צימער. יעדעס ווינקעלע האָט געאָטעמט מיט אַ צויבער פון דעם בילד, וואָס האָט זיך פלוצלונג באַוויזן פאַר זיי. דאָס ליכט פון די לבנה האָט באַשיינט טיש, סאָפע, דיל און די בילדער פון די ווענט. זיי זיינען ביידע געבליבן שטיין אין צימער ווי פאַרכישופט. אַנידערגעזעצט זיך אויף דער סאָפע, האַנט־אין־האַנט, האָבן זיי זיך צוגעהערט צו דער בלויער שטילקייט.

ליובע האָט איצט געוואָלט דערציילן אברהמען פון איר לעבן, ביז זי האָט אים באַגעגענט. זי האָט עס אָבער ניט געטאָן. זי האָט בלויז אַרויסגעפּליסטערט, אַז איר פריערדיקע הייראַט איז געווען ניט קיין דערפאָלג. איר מאַן איז געווען אייפערזיכטיק, כאָטש אָן אַ גרונט. אָפּלעבנדיק מיט אים עטלעכע יאָר, האָט זי זיך ענדלעך באַפרייט פון אים, זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ נורס און אָנגעהויבן אַ לעבן אויפסניי. זי איז אַוועק פון דער גרויסער שטאָט און געקומען אַהער, אין דעם שיינעם שטעטל, צו אירע פריינט; געקראָגן אַ שטעלע, און — אָט האָט זי צו איר גליק אים באַגעגנט...

אברהם האָט געקוקט אויף ליובען; ווען זי האָט גערעדט איז איר פּנים געווען סיי קינדעריש, סיי דערפאַרן, און אַז די דאָזיקע צוויי שטריכן האַלטן זיך אין איין בייטן. אַברהם האָט גראַד געוואָלט וויסן מער וועגן איר לעבן. אָבער וואָס מאַכט עס אויס? ער איז געבליבן זיצן, געקוקט אין אירע טיפע, קלוגע, בלויע אויגן. ער האָט זי אַ צי־געטאָן נאָענט צו זיך און איר אַ קוש געטאָן אויף אירע זאַפטיקע ליפּן.

שפּעטער, כמעט נאָך האַלבע נאַכט, זיינען זיי נאָך ביידע געלעגן אויף דער סאָפע. אירע הענט פאַרוואָרפן אַרום אברהמען. ער האָט זי געגלעט און גע־שעפּטשעט: „איך האָב זיך ניט גערעכט, אַז אין די יאָרן זאָל קומען אין מיין לעבן אַזאַ גליק ! . . .

די לבנה־שטראַלן האָבן אַ ציטער געטאָן אויף ליובעס נאַקעטן שולטער און באַלויכטן זיי ביידן. גאָר שטיל האָט אברהם אָנגעהויבן ריידן, ווי ניט וועלנדיק שטערן די רו, וואָס האָט איצט געהערשט אין צימער.

— איך האָב געוואוינט מיט מיין שוועסטער און איר פאַמיליע. כאָטש די גאַנצע הויז איז געווען פריי פאַר מיר, האָב איך אָבער די נויטיקע רו געפילט בלויז אין מיין צימער. און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין אַפּטייק פלעג איך ליגן און לייענען ביז אין טאָג אַריין.

— פינף־און־צוואַנציק יאָר האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט די היגע מענטשן, געלערנט מיט זיי. איך האָב עס געטאָן מיט גרויס פרייד. איך האָב אויך געלערנט מיט מיין שוועסטערס קינדער, האָב געהאָלפן זיי אַנטוויקלען זיך; האָב

געלערנט מיט זיי העברעאיש, יידיש, זיי געגומען צו די בעסטע קאָנצערטן און פּאָרשטעלונגען. טוענדיק דאָס איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז די קינדער זיינען ניט מיינע. ערשט שפּעטער, ווען יעדער איינער פון זיי האָט געפונען זיין פּראָפעסיע און געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָב איך אָנגעהויבן פילן דעם בייט פון זיי צו מיר, אַז איך בין אַן איבריקער און, אַז זיי מיידן מיך אויס. ניט קאָנענ־דיק באַגרייפן דעם בייט אין זיי, פלעג איך ווערן בייז. עס האָט מיר גענומען לאַנג ביז איך האָב אָנגעהויבן איינזען, אַז יעדער פון זיי האָט זיין אייגן לעבן און זיי נויטיקן זיך ניט מער אין מיר...

עס איז געווען אַ שיינער פרימאָרגן ווען אברהם איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן טראָט צו דער אַרבעט, און מיט אַ באַשטימטן געדאַנק, אַז היינט אָוונט וועט ער בעטן ליובען, זי זאָל ווערן זיין פרוי... ביי דעם געדאַנק האָט אַ וואַרעמער געפיל אים אַרומגענומען. ער האָט גענומען גיין האַסטיקער און צוגעזונגען אַ שטילע מעלאָדיע.

אין דעם מאָמענט האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אַ געדאַנק: איך בין דאָך שוין זעכציק יאָר אַלט, און וואָס איז מיט די אַלטע געוואוינהייטן? זיי זיינען דאָך פּאָרמירט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, ווי די זאַמדן, וואָס דער ווינט טראָגט צוזאַמען און עס פאָרמירט זיך אַ באַרג פון זיי. אָבער ער האָט אָפּגעשטופּט פון זיך דעם אָנגעלאָפענעם געדאַנק און האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט שנעלע טריט. און דערביי קלערט ער: ליובע איז אַ זייער פאַרשטענדיקע. זי וועט וויסן ווי אַזוי איינאָרדענען זייער לעבן. אים האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן ליובעס בעכטיקן זאָג: „דו ווייסט, מיין טייערער אַברהם, ווען דו גייסט אַוועק פון מיין היים זיינען די ווענט אָנגעפילט מיט דיין גייסט.״ ביי דעם געדאַנק איז ער געבליבן אַ ווילע שטיין, פאַרטראַכט...

ווען אַברהם איז צוגעקומען צום טיר פון אַפּטייק וואו ער האָט געאַרבעט, האָט אים פלוצלונג עפּעס אַן אומרו אַרומגענומען. ער האָט זיך אָבער געלאָזט גיין צו זיך אין דער לאַבאָראַטאָריע. פלוצלונג האָט אים זיין באַלעבאָס אַ רוף געטאָן: „מיסטער לעווין, זייט אַזוי גוט און קומט אַריין צו מיר אין קאַבינעט.״ דער באַלעבאָס האָט אים געבעטן זיך זעצן און נאָך אייניקע שווייגנדיקע סעקונדן האָט מר. סמיט געזאָגט: „איר ווייסט דאָך שוין, לעווין, אַז די געשעפטן זיינען שוואַך און דאָס צווינגט מיך צו מאַכן אַ בייט: איך מוז אָנשטעלן אויף אייער אָרט אַ נאָר־וואָס גראַדואירטן פאַרמאַצעפּט, וועלכער וועט מיר קאָסטן העלפט געלט. די אַרבעט איז דאָך איצט ניט אַזוי קאָמפּליצירט, ווי ווען איר זיינט געקומען אַהער מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק... איצט דאַרף מען די פאַרטיקע מעדיצינען נאָר אַריינלייגן אין שאַכטל אָדער אין פלעשל און פאַרטיק. וועל איך דעריבער אייך באַצאָלן פאַר אַ חודש וואַקאַציע און איך בין זיכער, אַז איר פאַרשטייט גוט מיין לאַגע.״

ביי די ווערטער האָט זיך מר. סמיט אַביסל פאַרהוסט און רויט געוואָרן; ער האָט אַרויפגעלייגט גוטברודעריש זיין האַנט אויף אַברהמס פּלייצע, וועלכער האָט אַ ציטער געטאָן ביים אָנריר... מר. סמיט האָט געוואָלט לייכטער מאַכן די שטימונג פון דעם איינדרוק, וואָס זיינע רייד האָבן געמאַכט, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: „אפשר וועט עס אייך גאָר אַ טובה טאָן. עס קאָן דאָך זיין, אַז איצט וועט איר אַליין עפענען אייער אייגענעם אַפּטייק.״

אַברהם איז אויפגעשטאַנען, זיך אַ נויג געטאָן פאַרן באַלעבאָס און געזאָגט מיט שטאָלץ: „נו, הייסט עס, ס'איז געקומען די צייט אַז איך מוז אייך פאַרלאָזן", און מיט פלינקע טריט איז ער אַרויס פון קאַבינעט. ער איז אַריין אין לאַבאָראַטאָריע, אַראָפּגעלאָזט זיך שווער אויפן שטול, אַריינגענומען זיין קאָפּ איןביידע הענט און לאַנג אַזוי געזעסן. עס איז אים שווער געווען צו טראַכטן. אַראָפּבעמענדיק זיינע הענט פון זיין פּנים, האָבן זיינע פאַרטרויערטע אויגן גענומען וואַנדערן איבערן צימער, וואו ער האָט איבער פינף־און־צוואַנציק יאָר געאַרבעט און געחלומט.

זיינע בליקן האָבן געגלעט יעדע פלעשל, יעדע קעסטל, וואָס איז געווען מיט זיין שיינע האַנטשריפט פאַרשריבן; די נעמען פון די מעדיקאַמענטן, די וואָגשאָל, וואָס מען האָט שוין פון לאַנג ניט גענוצט; יעדע פּאָליצע, יעדע שאַכטל; זיין אַרבעטס־טיש וואָס איז שטענדיק געווען אין אָרדענונג. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אַ וואַקלענדיקער אַרויסגעגאַנגען איבערן צימער. לאַנג געקוקט אויף די ווענט, אויף יעדן באַקאַנטן ווינקל, דעם פלאַץ וואו זיין אָפּגעטראָגענער רעקל וואָס ער פלעגט טראָגן ביי דער אַרבעט. יעדע זאַך האָט ער אַרומגעקוקט... און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ דאָ ווייזט צוזאַמען מיט אים... עס איז אים געוואָרן שווער אויפן האַרצן. ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, געבליבן זיצן און ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט, ווי ניט קאָנענדיק זיך שיידן מיט די פאַרגאַנגענע יאָרן.

— פינף־און־צוואַנציק יאָר ווי איך טרעט פון דאַנען צום הויז און צוריק! ווי קאָן איך עס אַזוי זיך אויפהויבן און איבערלאָזן? און וואָס וועט זיין איצט?... וואָס וועל איך איצט טאָן? די צוקונפט האָט אים אויסגעזען ווי אַן אַ שטראַל ליכט. ער האָט מער ניט געקענט בלייבן דאָ און געלאָזט וויסן, אַז ער גייט אַהיים.

קומענדיק אַהיים האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. ער איז לאַנג געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט: ער האָט דאָך היינט געזאָלט בעטן ליובען זי זאָל ווערן זיין פרוי... ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. שוין שפּעט, איך מוז גיין צו איר. זי וועט זיין באַאומרואיקט. זי וועט ניט וויסן וואָס איבערצוקלערן. און מיט וואַקלענדיקע טריט איז ער אַרויס פון שטוב.

אַזוי שנעל ווי אַברהם איז אַריבער די שוועל פון ליובאַ'ס הויז, האָט זי דערפילט אַז עפּעס איז מיט אים געשען. ער האָט זיך געזעצט אויפן דיוואַן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ליובאַ האָט זיך געזעצט לעבן אים. אַברהם האָט מיט אַ געבראָכענעם קול דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

— נו, האָט ליובאַ נאָך אַ לענגערן שוויגן געענטפערט — אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך, נישטאָ פון וואָס צו זיין דערשלאָגן. אַברהם האָט ווי אויסגעשריען: וואָס זאָגסטו? איך האָב דאָך פאַרלאָרן מיין שטעלע! פון וואַנען וועל איך לעבן?!

אַ ווייל האָבן זיי ביידע געשוויגן. די שטילקייט האָט זיך געפילט פון זייערע געמיטער. אַ קנויל מיט געפילן האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אים צו ליובען. זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן אין אירער:

פאַרשטייסט, מיין טייערע, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין פּראַקטישער מענטש; געשעפט האָט מיר קיינמאָל ניט אימפּאָנירט. בין איך געווען צופרידן מיט מיין אַרבעט און מיין לעבנס־וועג. פריינט פלעגן אַלע מאָל פרעגן: פאַרוואָס

קויף איך ניט אַ „דראָג־סטאָר" און האָב ניט חתונה? פלעג איך זיי מיט אַ שמייכל ענטפערן: צוליב וואָס? עס איז מיר גוט אַזוי אויך!

אַברהם האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. ער האָט אַ פאַרטראַכטער געקוקט ווי דער רויך טראָגט זיך אין דער לופטן און ווערט פאַרפאַלן אין די ווייטע פאַר־גאַנגענע יאָרן. ליובאַ האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו אַברהמען, אים אַרומגענומען און אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. אַברהם האָט מיט אַ געבראָכנקייט אין קול אַרויסגעפּליסטערט:

— און איך האָב היינט געוואָלט בעטן דיך צו ווערן מיין פרוי! ווי קאָן איך עס איצט טאָן? האָב איך אַ רעכט דערצו?

ביי די ווערטער האָט ליובאַ'ס האַרץ אַ ציטער געטאָן. זי האָט אים נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און אין אַ ווייכן וואַרעמען טאָן אים געזאָגט:

— דו ווייסט מיין טייערער וואָס איך וועל דיר זאָגן: וואו איין מענטש לעבט קענען לעבן צוויי... עס וועט נאָך גוט זיין, עס וועט נאָך גוט זיין!...

ח. באַרקאַן

# איך זוך...

ה. לייוויקן ז"ל

צי געדענקסטו, מיין שוועסטער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן?
און דער בריוו איז פון טרערן געווען אויסגעקלעקט:
נאָכן פייער־מבול בלויז אַ פּאָר זיינען פאַרבליבן,
נאָר דאָס שטעטל, דאָס טייערע, איז פון דער ערד אָפּגעמעקט."

„דער גורל פון שטעטל אונגען איז פאַרזיגלט
פון רצחן, דעם שטן, פון זיין אכזרישער האַנט."
אין אבלות כ'האָב זיך אויפגעהויבן דעמאָלט ווי אויף פליגל,
און בין אַוועק אַהינצו, צו דעם גיהנום־לאַנד.

האָב געהערט נאָך פון חורבן די ווייען־געשרייען,
אויף דער ערד, דער פאַרדאַרבענער; און געבויגן און קראַנק,
מיט אַ תפילה ביי די פלויטן וואו אויף טאָג העגער קרייען,
האָב געזוכט ניי־מאָרגן אינעם מדבר־קלאַנג...

און ביז היינט נאָך כ'שטיי מיט די תפילות ביי די פלויטן,
באַשפּריצטע מיט מיין יידישן בלוט, וואָס נאָך קוועלט,
און זוך אַלץ דעם מאָרגנשטערן, דעם רויטן,
און דעם „אחרית הימים" פאַר דער צעחרובטער וועלט.

יצחק ניומאַן

# דער ספר יונה

דער ספר יונה איז אַנדערש פון אַנדערע ספרי נביאים מיט דעם, וואָס ער האָט ניט קיין שטראָף־רייד אָדער טרייסט־ווערטער צום יידישן פאָלק. גיכער איז עס אַ שילדערונג וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם נביא יונה, און אַ פיינער קינסט־לער מיט גרויס טאַלאַנט האָט עס פאַרשריבן.

דער סיפור המעשה דערציילט זיך אַזוי: גאָט איז גוזר אויף יונהן ער זאָל גיין צו דער שטאָט נינוה, די הויפּט־שטאָט פון אַשור, און זיי וואָרענען און שטראָפן זיי פאַר זייערע זינד. יונה האָט עס ניט געוואָלט טאָן. איז ער אַוועק קיין יפו און זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיף וואָס איז געגאַנגען קיין תרשיש. אויפן וועג איז געווען אַ שטורעם, און די שיף האָט געהאַלטן ביים זינקען. האָט דער קאַפּיטאַן געהייסן וואַרפן גורל און זען וועמענס שולד עס איז. און דער גורל איז געפאַלן אויף יונהן. האָט ער זיך געהייסן אַריינוואַרפן אין ים אַריין און אַ פיש האָט אים איינגעשלונגען. האָט ער מתפלל געווען צו גאָט און דער פיש האָט אים אַרויס־געשפּיגן צו דער יבשה. און יונה איז אַוועק קיין נינוה און געזאָגט די איינוואוינער אין נאָמען פון גאָט, אַז אין פערציק טעג וועט די שטאָט חרוב ווערן אויב זיי וועלן ניט תשובה טאָן. זיי האָבן תשובה געטאָן און גאָט האָט ניט אויסגעפירט די גזירה. האָט עס יונהן פאַרדראָסן. ער איז אַוועק אונטערן שטאָט, אָבער די היץ האָט אים געמאַטערט. האָט גאָט געלאָזט אויסשפּראָצן אַ פלאַנץ איבער זיין קאָפּ צו שיצן אים קעגן דער זון. אָבער צומאָרגנס האָט אַ ווערימל צעלעכערט דעם פלאַנץ און די היץ האָט אים פאַרמיאוסט זיין לעבן. ער האָט זיך שטאַרק געערגערט. האָט גאָט צו אים געזאָגט: דו האָסט רחמנות אויף אַ פלאַנץ וואָס עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט — ווי זאָל איך ניט רחמנות האָבן אויף אַ גרויסער שטאָט, וואָס האָט אַ סך מענטשן און בהמות פיל.

* * *

יונה האָט ניט געוואָלט גיין קיין נינוה, ווייל נינוה איז געווען אַ שטאָט פול מיט געצנדינערייי, און ער איז אַ יידישער נביא, וואָס זאָגט נבואות צו יידן, און גויים האָבן ניט קיין אָרט אין זיינע נבואות. הגם אויך אַנדערע נביאים, ווי עובדיה, וואָס האָט געזאָגט נבואות אויף אדום, חבקוק זאָגט וועגן די כשדים, און נחום טאַקע אויך אויף נינוה. זיי האָבן אָבער אַלע נבואות געזאָגט צו יידן וועגן גויים. אָבער דאָס זאָל ער גיין ריידן דירעקט צו די גויים — איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל אַז עס פּאַסירט אַזאַ זאַך.

האָט יונה הנביא געטראַכט: זאָל איך גיין וואָרענען זיי וועגן אַ חורבן וואָס גייט אויף זיי, אויב זיי וועלן ניט תשובה טאָן? ווי וועט אָבער זיין אַז זיי וועלן זיך יאָ צוהערן צו מיינע רייד און וועלן תשובה טאָן, און וועלן געראַטעוועט ווערן? איז שוין בעסער איך זאָל אַנטלויפן. ער איז אפילו געווען גרייט זיך צו וואַרפן אין ים אַריין, איידער ברענגען אַן אומגליק אויף זיין פאָלק, ווייל דאָס דאָזיקע פאָלק, אַשור, וועט שפּעטער חרוב מאַכן מלכות ישראל. ער האָט זייער געוואָלט אַז גאָטס גזירה זאָל יאָ מקוים ווערן, דערפאַר איז ער געווען פאַרביטערט און זיך געווונטשן דעם טויט...

עס ווערט אויפן קלאָרסטן אופן געוויזן אין ספר יונה, אַז ניט נאָר צו יידן אַליין איז גאָט גענעדיק און באַרמהאַרציק, נייערט אויך אויף אַלע מענטשן, און אַז גאָט נעמט צוריק דאָס שלעכטס וואָס ער האָט געוואָלט טאָן. און דאָס זיינען די ווערטער פון יונה: „דערפאַר האָב איך פריער באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין תרשיש, ווייל איך האָב געוואוסט אַז דו גאָט ביסט גענעדיק און די וועסט פאַר־געבן די היידענישע איינוואוינער פון נינוה."

ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון גאָט. ער פילט אָבער, אַז פון גאָט קאָן מען זיך ניט באַהאַלטן: — עס איז ניטאָ וואו צו אַנטלויפן, אַז אומעטום ביסטו, אין די העכסטע הימלען און אין די טיפסטע אָפּגרונטן ביסטו דאָ. עס זאָגט זיך אין תהלים (ק' ל"ט): „וואוהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיין גייסט? און וואוהין זאָל איך פון דיין פּנים אַנטלויפן?"

יונה האָט פריער געטראַכט, אַז גאָט האָט איבערגעגעבן די השגחה איבער אַנדערע לענדער און פעלקער צו אַנדערע מאַכטן. מיר לערנען פון ספר יונה וועגן גאָטס רחמנות אויף אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. דאָס אייגענע וואָס דער מדרש זאָגט ביי קריעת ים־סוף: „מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה"?! (די ווערק פון מיינע הענט טרונקען זיך אין ים און איר טוט זיך צעזינגען?).

ביים אָפּראַטעווען די שטאָט נינוה ווערט דערמאָנט אַ חוץ דעם שאָדן פון מענטשן און קינדער זויגעדיקע אומשולדיקע, ווערט אויך געזאָגט וועגן דעם שאָדן פון בהמות, וועגן צער־בעלי־חיים און די ווערטער „פיל בהמות." עס ווערט דערמאָנט אין תלמוד די לעגענדע פון אַלכסנדר מוקדון ביים קעניג פון קוצין, בעת אַ משפט וועגן אַן אוצר וואָס ביידע, דער קויפער און פאַרקויפער, טענהן, אַז צו אים באַלאַנגט דער אוצר. זאָגט אים אַלכסנדר: — ביי אונדז הרגעט מען ביידע קריגער און די מלוכה נעמט צו דעם אוצר פאַר זיך. פרעגט אים דער מלך פון קוצין: — שיינט דאָרט די זון אין דיין לאַנד? און איז דאָרט אויך דאָ בהמות? — געוויס — ענטפערט אים אַלכסנדר. — אויב אַזוי, שיינט די זון ביי אייך אין זכות פון די בהמות, און ניט אין אייער זכות...

* * *

אין ספר יונה דריקן זיך אויס געדאַנקען פון העכסטן גראַד יידישע מאָראַלי־טעט; דאָס וועלן פאַרהיטן די שטאָט נינוה, די שפעטערדיקע צושטערערין און פאַרוויסטערין פון שומרון — דאָס אַלעס, ווייל אין שטאָט געפינען זיך צווישן די איינוואוינער אויך טויזנטער זויגענדע קינדער און פיל בהמות; אויך ווייל דער ספר יונה ווייזט די הויכע מאָראַל פון יידנטום, וואָס פאָדערט זיך צו באַציען מיט חסד אפילו צו אַ שונא, איבערן טעם פון „צער בעלי חיים", און ניט בלויז אויף לעבעדיקע באַשעפענישן איז זיך גאָט מרחם, נייערט אויך אויף שפּראָצונג און ביימער, ווייל „אדם כעץ השדה" (אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בוים אין פעלד). ווי עס זאָגט זיך אין דברים כ': „רק עץ אשר תדע כי לא מאכל הוא, אותו תשחית, וכרת ובנית מצור על העיר." (נאָר אַ בוים וואָס דו ווייסט אַז עס האָט ניט קיין פרוכט, דאָס מעגסטו צעשטערן און אָפּהאַקן, און בויען אַ צוים אַרום דער שטאָט). ווארום דער בוים אין פעלד איז ווי אַ מענטש... דער עיקר לערנט די תורה, אַז דער מענטש זאָל ניט זיין קיין אַכזר און זאָל ניט באַשעדיקן אַ גרעזל אָדער אַ שפּראָצונג, ווייל אויך זיי האָבן אין זיך לעבן...

* * *

פון ספר יונה לערנען מיר, אַז פון גאָט קען מען ניט אַנטלויפן; אויך אַז גאָט וויל ניט די פאַרניכטונג פון מענטשן; ער וויל בלויז זיי זאָלן חרטה האָבן און תשובה טאָן, און אַז גאָטס רחמנות גייט אויך אויף בהמות; און די תורה הייסט זיין גוט אפילו צו אַ שונא. דערפאַר איז געוועזן גאָטס פאַרדרוס, וואָס יונה דער נביא וויל ניט מציל זיין די איינוואוינער פון נינוה, די שפּעטערדיקע צושטערערין פון שומרון—די מענטשן און די בהמות פון נינוה. און טאַקע צוליב דער הויכער מאָראַל פון ספר יונה ווערט אום יום־כיפור צו נעילה געלייענט די הפטורה, וואָס רופט זיך „מפטיר יונה"...

**חנה בושעל־סאָלאָוו**

# ניט פאַרן שטורעם מיין ליד

ניט פאַרן שטורעם איז מיין ליד געשריבן,
ניט פאַרן האָגל, אָדער ווייכן שניי...
עס איז מיין תפילה אין מיין ליד געבליבן
און צווישן די שורות, מיין שטילער וויי!...

מיין פאָלק'ס געשריי האָב איך אויפגענומען,
אין מיין האַרצן איז עס טיף אַריין...
דעם גאַנצן גרויל איבער מיין פאָלק פאַרנומען,
אַט ווי דעם כוס מיט ביטערן ווייַן!..

אַלע גרוילן אין מיין האַרץ געטראָגן,
יעדן טאָג אויף וועג און שטעג;
און די טעג — זיי איילן און יאָגן,
ביז מענטש קומט, צום לעצטן ברעג!...

מיינע וועגן ניט אויף זילבער שליטן
און קיין גלעקל צום שפּאַן ניט צוגעבונדן...
כ'האָב אַלע פיינען ניט אויסגעמיטן
און קיין פאַקלען ניט געצונדן...

איז ווער וועט מיין ליד אויפנעמען,
אַז מיין וועג, אַט באַלד, לאָזט זיך אויס?
וועט ווער עס אויפנעמען און דערקענען,
אַז מיין ליד וואַקסט פון האַרצן אַרויס?...

משה שטאַרקמאַן

# „חשבון" — און יידישער חשבון־הנפש

(אַ מאָנונג איינגעוועבט אין אַ באַגריסונג)

איטלעכער נאָרמאַלער ייד, וואָס מאַכט ביחידות אַ חשבון־הנפש וועגן זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן ציבור, מוז כסדר שטעלן זיך גופא אַ סך פראַגעס בנוגע דעם, צי ער דערפילט זיין אַחריות לגבי דעם קיום פון יידישן פאָלק.

דער ליכטיקער פאַקט, וואָס מיר לעבן אין דער גלאָריע־פולער „בראשית"־תקופה פון מדינת ישראל, טאָר אונדז ניט מאַכן פאַרגעסן דעם פינצטערן פאַקט, אַז מיר לעבן אויך אין אַ תקופה, וואָס האָט צוגעזען דעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן בעת דער הערשאַפט פון דער נאַצישער ממשלת זדון. דאָס איז אויך גלייכצייטיק די תקופה, וואָס קוקט־צו ווי אַזוי דריי מיליאָן יידן ווערן גייסטיק דערשטיקט הינטערן קרעמלינישן „אייזערנעם פאָרהאַנג."

מיר לעבן אין דער תקופה, וואָס אין איר איז אַ העלפט פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק געוואָרן אַמעריקאַניש, בעת פריער זיינען די יידן, אין זייער מערהייט, געווען אַן אייראָפּייאיש פאָלק. מיר דאַרפן כסדר שטיין אויף דער וואַך כדי ניט צו דערלאָזן, אַז די פרייהייטן פון וועלכע יידן געניסן אין די לענדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט — אין זיין צפון־טייל און אין זיין דרום־טייל — זאָלן אונדז ניט דערפירן צו אויפלייזונג דורך אַסימילאַציע. וואָס איז דען אַסימילאַציע אויב ניט פאָרמען פון מאָרד און זעלבסטמאָרד?

אומשטערבלעך זיינען נאָר יענע יחידים און גרופּעס, וואָס זיינען רינגען אין דער קייט צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט פון פאָלק. איטלעכער לעבעדיקער ייד אין אונדזערע טעג דאַרף מאַכן אַ טאָפּלטן אָדער אַ דרייפאַכיקן בייטראָג צום יידישן קיום. פאַרוואָס טאָפּלט אָדער דרייפאַכיק? ווייל אַ לעבעדיקער ייד אין אונדזערע טעג דאַרף אויך דערפילן דעם בלויז פון נאָך אַ ייד אָדער פון נאָך צוויי יידן צווישן די אומגעקומענע זעקס מיליאָן.

יעדע ערנסטע יידישע צייטשריפט אין אונדזערע טעג — און זיכער אַ פּובּליקאַציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „חשבון" — דאַרף כסדר דערמאָנען אונדזערע קיום־פּראָבלעמען און מאָנען ביי איטלעכן נאָרמאַלן ייד, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן אַ חשבון, ער זאָל מאַכן אַ חשבון־הנפש, וואָס איז שייך זיין אייגענער, זיין פּערזענלעכער אַחריות פאַר קיום האומה.

אין די 36 נומערן „חשבון" ביז איצט, קען מען זיכער געפינען אַ סך אַזעלכע מאָנונגען און דערמאָנונגען — טייל דירעקט, אַנדערע בלויז ברמיזה — אָבער אַזעלכע מאָנונגען און דערמאָנונגען דאַרפן זיין די אייביקע גרונט־אידייען פון ריין־יידישער פּובּליציסטיק און מחשבהדיקער, יידיש־פילאָסאָפישער עסייאיסטיק. די ריין־יידישע פּובּליציסטיק און די מחשבהדיקע עסייאיסטיק דאַרפן זיך ניט שעמען איבערצוחזרן אַלטע שאלות, צוגעשפּיצט צו די נייע באַדינגונגען אין יידישן לעבן, אין אַמעריקע, אויף די אַנדערע קאָנטינענטן און אין אַנדערע לענדער.

אין די אַלטע קשיות האָט מען געפרעגט — און מ'דאַרף איצט איבערפרעגן:

פאַרוואָס זאָל אַ ייד וועלן זיין אין אַן אַמאַטאָרישער מינדערהייט, וואָס צילט זיך אויסצוגלייכן מיט די פיל מיליאָנען ניט־יידן דורך נאָכ'מאַלפּען זיי, ווען

מ׳קען געהערן צו די אידעאַליסטן, וואָס ווילן אַ רייכער און שענער יידיש לעבן פאַר דער מערהייט פון יידישן פאָלק? פאַרוואָס זאָל אַ ייד, דורך נאַכלעסיקייט, דורך נאַרישקייט אָדער דורך אומפאַראַנטוואָרטליכקייט, זיך פאַרנעמען מיט מעשים, וועלכע שטעלן אין סכנה אונדזער יידישע עקזיסטענץ, ווען ס׳איז פאַראַנען אַזויפיל שמחה און תענוג אין איבערגעגעבנקייט צו די גייסטיקע ווערטן, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאָמען פון יאָרהונדערטערס און דערהאַלטן דאָס יידישע פאָלק ביים לעבן, ניט געקוקט אויף גזירות און רציחות? ווי אַזוי קען וועלכער עס איז יחיד זיך איינריידן, אַז ער ווייסט בעסער פון דער יידישער געשיכטע, וואָס ס׳איז נייטיק און וואָס ס׳איז איבעריק אין יהדות, אין יידישקייט?

אויב ס׳איז מעגלעך אויסצוקלייבן צווישן אַליין־דיסציפּלין און הפקרות, פאַרוואָס זאָל אַ ייד אויסקלייבן קנעכטשאַפט צו הפקרדיקייט, ווען ער קען בעסער אויסקלייבן די פריישאַפט פון זיין אַ האַר איבער זיך אַליין? ווי אַזוי קען ווער־עס־איז זיך איינריידן, אַז „מ׳קען זיין אַ ייד אין האַרצן״, ווען היסטאָרישע דער־פאַרונג לערנט אונדז, אַז יידישקייט איז געגרונטפעסטיקט, ניט אויף סתם געפילן, נאָר אויף מעשים, וואָס באַרייכערן די געפילן און דערהייבן דאָס געמיט?

טעאָלאָגיע איז, אין תוך, פרעמד דעם יידנטום. פאַר די יידן־מאמינים איז תמיד גענוג געווען די מסורה, די געשיכטלעכע טראַדיציע, אַז אונדזערע אור־אורעלטערן האָבן מקבל געווען די תורה ביים באַרג סיני. די אַפּלייקענערס פון היסטאָרישער דערפאַרונג זיינען דורך טעאָלאָגישער חקירה ניט געקומען צו אמונה. ווען אַ יידישע פּובליקאַציע זאָל זיך פאַרנעמען מיט טעאָלאָגיע, וואָלט זי זיך פאַרקירעוועט אויף די וועגן פון אום׳יידישקייט.

בלעטערנדיק פאַרשידענע נומערן פון „חשבון״ איז אונדז איינגעפאַלן, אַז ס׳וואָלט אפשר געווען אַ גלייכע זאַך, אַז מ׳זאָל מאַכן אַן אַפּקלייב פון די פאַר־עפנטלעכע זאַכן און אַרויסגעבן אַ „חשבון״־אַנטאָלאָגיע אין ענגלישער איבער־זעצונג. אַזאַ אַנטאָלאָגיע וואָלט אפשר אָנגערעגט ענגליש־לייענענדיקע יידן צו וועלן קענען לייענען זאַכן אין יידישן מקור; אַזאַ אַנטאָלאָגיע וואָלט אפשר אָנגע־רעגט ענגליש־לייענענדיקע יידן צו מאַכן איטלעכער זיין אייגענעם חשבון־הנפש וועגן דער פערזענלעכער אַחריות לגבי דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק.

---

חשובער פריינד פרידלאַנד:

ווי דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „חשבון״ רופט די פייערונג אַרויס ביי מיר אין זכרון דריי גרויסע הויכפּונקטן וועגן דעם קולטור־עסקן און שרייבער י. פרידלאַנד:

א) איר זענט געווען אינסטרומענטאַל און טאַקע גאַר אַקטיוו ביים אויפבויען דעם אייגענעם בנין פון ל. א. קולטור קלוב, וואו איר שטייט עד היום אין דער פירערשאַפט במשך די לעצטע 26 יאָר ווי זיין פּרעזידענט. ב) אַרום יענער צייט האָט איר אויך גענומען זיך אַרויסגעבן אייערע כתבים אין בוך־פאָרם (ביז איצט פיר אין צאָל כן ירבו) און — ג) במשך די לעצטע צען יאָר האָט איר, ווי אַן עקשנותדיקער רע־דאַקטאָר און ביער פון דער פערטל־יאָר שריפט „חשבון״, אַריינגעשריבן אַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ליטעראַרישע שאַפונגען אין אונ־דזער קולטור־רייכער לאָס אַנגעלעס.

שיק איך אייך מיינע בעסטע וואונ־טשן פאַר גוטן געזונט און ווייטערדיקן דערפאָלג.

אייער,

**שייע אייבראַמסאָן**

יצחק אייזנבערג (תל-אביב)

# דער חשבון פון „חשבון״

## (אַ ברכה פון דער ווייטנס)

פון צייט צו צײ צייט באַקום איך די ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע צייט־שריפט „חשבון״, וואָס דערשיינט שוין זייט לאַנגע יאָרן אין דער ווייטער לאָס אַנדזשעלעס. איך בלעטער אין איר אַריין אין מיין פרייער צייט און עס ווערט פשוט וואַרעם אויף דער נשמה. פונקט ווי אין אַלע צייטונגען און צייטשריפטן, איז אויך דאָרט נישט אַלעס פון דער זעלבער קוואַליטעט. עס זיינען פאַראַן שטאַרקערע און שוואַכערע שאַפונגען אין פראָזע און אין פּאָעזיע, אָבער פון זיי אַלע צוזאַמען שטראָמט אַרויס איין געבענטשטע וואַרימקייט, וואָס באַהערשט דעם לייענער, פריער צי שפּעטער און שאַפט אַן אינטימע נאָענטקייט צווישן אים און די אַלע מחברים, טראָץ דעם וואָס פערזענלעך זיינען זיי אים אין זייער גרעסטן טייל אומבאַקאַנט.

אַז מען זאָגט ביי אונדז „אַמעריקע״ מיינט מען, אין אַלגעמיין גענומען, די פאַראייניקטע שטאַטן, טראָץ דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז דאָך צונויפגעשטעלט היינט צו טאָג פון פינף־און־צוואַנציק זעלבסטשטענדיקע מדינות און אַז מען זאָגט דאָס יידישע אַמעריקע, מיינט מען ביי אונדז דאָס גרויסע ניו־יאָרק מיט אירע צוויי און אַ האַלבן מיליאָן יידן, כן ירבו! נישט איינמאָל פאַרגעסן מיר אָבער, אַז אויסער ניו־יאָרק זיינען פאַראַן אין די שטאַטן נאָך צענדליקער יידישע ישובים, גרעסערע און קלענערע. יעדער איינער פון זיי מיט אירע אינסטיטוציעס און פאַרשטייט זיך אויך — פּראָבלעמען, מאַנכע פון זיי גאַנץ אַנגעווייטאָגטע און אפילו פּיינלעכע.

אַ פאַקט איז אויך, אַז היינטיקע צייטן איז וואָס דער יידישער ישוב איז קלענער אין זיין צאָל נפשות — זיינע פּראָבלעמען זיינען גרעסערע. אַ גרויסער יידישער ישוב קאָן נאָך ווי עס איז „זיין שטעטל באַשטיין״, אָבער אַ קליינער ישוב — ווער וועט פאַר אים זאָרגן און ווער וועט אים באַשיצן און פאַרזיכערן זיין נאַציאָנאַלן „המשך״, באַקעמפן אַסימילאַציע, עם־הארצות און געמישטע הייראַטן ביים יונגן דור און אַזוי ווייטער?

לאָס אַנדזשעלעס איז היינט אַן „עיר ואם בישראל״ ביי יידן און אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט זי שוין איבערגעשטיגן אין דער צאָל נפשות אירע, שיקאַגאָ, און ציילט איצט ביי די 400 טויזנט נפשות און אפשר נאָך מער. קאַליפאָרניע האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען, און אויך דאָס יידישע קאַליפאָרניע האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען און אויך דאָס יידישע קאַליפאָרניע בלייבט נישט הינטערשטעליק, און ווי זאָגט דער פסוק: „אַזוי ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך״ אַזוי אויף אַלע געביטן. לאָס אַנדזשעלעס וואַקסט „ווי אויף הייוון״ און אויך דער יידישער ישוב ווערט כסדר גרעסער און וויכטיקער.

עס איז דאָ אונדז באַקאַנט, אַז דאָס יידישע לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס גייט פאָראויס אויף אַ רייע געביטן און אַז אויך קיין פּראָבלעמען פעלן נישט דער באַפעלקערונג דאָרט. אַז רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד האָט מיר דאָ ניט לאַנג געשריבן אַז אין לאָס אַנדזשעלעס איז פאַראַן בלויז איין יידישער „לינאָטייפּיסט״, זיינען

מיר פשוט געשטאַנען טרערן אין די אויגן: היתכן, האָב איך מיר געפרעגט, אַז מיר זיינען אַזוי ווייט שוין דערגאַנגען און אַז אַ זעצער אויף דער יידישער שפּראַך איז טאַקע געוואָרן אַזוי אַ מין יקר המציאות". ‏צי האָט זיך ווען עס איז עמיצער געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ מין טרויעריקן מצב אויפן געביט פון יידישן געדרוקטן וואָרט און צו קאָנען מיר מיט דעם משלים זיין אויך אין דער צוקונפט?

דער זשורנאַל „חשבון" דערפילט, לויט מיין מיינונג" אַ וויכטיקע נאַציאָנאַל-יידישע אויפגאַבע אין לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג „אויפן ווייטן מערב" אין אַמעריקע און מיט דעם וואָס ווערט אין אים געדרוקט איז זיך בשום אופן נישטאָ וואָס צו פאַרשעמען אַנטקעגן וועלכע עס איז אַנדערע יידישע אויסגאַבע.

דער חשבון, וואָס דער „חשבון" דערלאַנגט איצט צום צען יעריקן יובילי זיינעם איז אַזוי אַהום אַ גאַנץ ברוידיקער און איך ווינטש מיין פריינד, י. פרידלאַנד און זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, אַז דער דאָזיקער חשבון זאָל וואַקסן פון איין נומער צו דעם צווייטן, פון איין יאָר צום אַנדערן, נאָך פיל יאָרן.

זעצט פאָר, אין די קומענדיקע יאָרן, אייער אַרבעט מיט דער זעלבער התלהבות און איבערגעגעבנקייט ווי ביז איצט און די געוואונטשענע רעזולטאַטן וועלן דערגרייכט ווערן אין אַ גרויסער מאָס. הלוואי!

---

**א. באַביטש**

# פּעדער-שפּריצן

ווער זיינען די גרעסטע עקשנים אויף דער וועלט? די שדכנים, ווייל זיי האָבן שטענדיק ליב „אויסצופירן".

* * *

אָפט דערוויסט זיך אַ מענטש אַז ער איז גליקלעך, ערשט דורך דעם וואָס אַנדערע זיינען אים מקנא.

* * *

אַ פוילן איז גוט צו שיקן נאָכן מלאך-המות.

* * *

אַז משיח וועט אי"ה קומען, וועלן אַלע קראַנקע געהיילט ווערן, אַחוץ דעם אידיאָט

* * *

אַז מען פליט צו הויך, קערט זיך איבער דער מוח.

* * *

ווער ברענגט מער נוצן נאָך זיין טויט ווי ביי זיין לעבן? — אַ קאַרגער גביר.

* * *

פאַלשע קאָמפּלימענטן זיינען פיל שעדלעכער ווי אמתע קריטיק.

* * *

זוך נישט צו לערנען פון ביכער דאָס, וואָס די נאַטור האָט דיך געלערנט — אויסנווייניק.

* * *

איינזאַמקייט איז די גרעסטע קללה פאַרן מענטשן. ער איז געגליכן צו אַ בוים אָן בלעטער.

* * *

אַ געפאַלענער מענטש מוז האָבן ווער עס זאָל אים העלפן אויפשטיין...

ערלעכקייט און פאַלשקייט קענען זיך נישט פאַרטראָגן; איינער דעם צווייטן וויל איבעריאָגן.

* * *

זיי מוחל דיינע שונאים. דאָס וועט זיי מער פאַרדריסן ווי דו וואָלסט געווען אויף זיי אין כעס.

* * *

אויב מען פּראָדוצירט זאַכן, וואָס מען דאַרף צום לעבן, קען מען מאַכן פון דעם אַ לעבן. אויב אָבער מען פּראָדוצירט זאַכן אויף צו טויטן, קאָן מען מאַכן פון דעם אַ ג ו ט לעבן.

* * *

אַן אָפּטימיסט איז דער, וואָס גיסט אויס אַ קריגל מילך און טרייסט זיך, אַז עס איז דאָרט געווען צוויי דריטל וואַסער.

* * *

אַ מאַן איז קיינמאָל נישט אַזוי גוט ווי זיין פרוי דענקט וועגן אים פאַר דער חתונה, און נישט אַזוי שלעכט ווי זי טראַכט וועגן אים נאָך דער חתונה.

* * *

פאַראַן מער נאַראָנים ווי קלוגע און די קלוגע באַנאַרישן זיך מער ווי די חכמים. —

* * *

די וויסנשאַפט האָט שוין אַנטדעקט אַ סך הייל־מיטלען קעגן פאַרשידענע קראַנקהייטן, נאָר האָט נאָך נישט אויסגעפונען קיין מיטל קעגן זעלבסט־ליבע.

* * *

ווען עמיצער זאָגט אונדז וויפיל ער פאַרדינט, גלויבן אים געווײנלעך אַ העלפט; אָבער ווען ער זאָגט עס אַ באַאַמטן פון מס־הכנסה, גלויבט ער אים טאָפּלט.

* * *

דער ערשטער שטרייקער אויף דער וועלט איז געווען דער רבונו של עולם. ער האָט אָפּגעאַרבעט זעקס טעג און אויפן 7טן טאָג, שבת, האָט ער פאַרשטרייקט.

* * *

דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ גרויסן יאַריד, וואו יעדער איילט זיך איינצו־האַנדלען מציאות, נאָר נישט אַלע קאָנען דאָס באַווייזן...

---

מיין האַרציקן באַגריסונג צום צענטן יובל־יאָר פון „חשבון“, צום טיכטיקן און איבערגעגעבענעם רע־דאַקטאָר, י. פרידלאַנד, אַלע קאָלעגן און מיטאַרבעטער פון אונדזער חשבון (מיט דער וועלט...) און דער ליבער משפחה פון לייענער, בכל מקום שהם.

**ישראל גובקין**

---

ליבער פריינד י. פרידלאַנד:

אַלס רעדאַקטאָר־בעל־תפילה פון „חשבון“ ווינטש איך אייך איר זאָלט פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן נאָך קענען באַווייזן אונדזער אַלעמענס חשבון־הנפש צו ברענגען צום אויסדריק.

זייט געשטאַרקט — אייער

**משה צוקער**

---

איך באַגריס דעם איין־איינציקן זשור־נאַל „חשבון“ אין קאַליפאָרניע, וואָס ברענגט מיט זיך דעם האַרציקן מאַמע־לשון, יידיש!

מיט גרוס,

**חנה סאָלאָוו**

---

זייט געגריסט עקשנים־שרייבער, בויער, שטיצער און לייענער פאַרן אויפהאַלטן דעם „חשבון“ ביזן צענטן יובל־יאָר. זאָל אייער עקשנות האָבן אַריכת ימים ושנים און אָנגעפילט ווערן מיט כח צו פאַרוואַנדלען דעם „חשבון“ אין אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל.

חבריש,

**נתן פאָדעמבערג**

## באַגריסונגען פון די געווינער פון פרידלאַנד ליט. פרעמיע

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

אייער בריוו מיט דער ידיעה, אַז מיר איז צוגעטיילט געוואָרן די, דורך אייך געגרינדעטע, יערלעכע פרעמיע פאַר אַ דערציילונג, האָט מיר, פאַרשטענדלעך, געבראַכט אַ סך פרייד. און גלויבט מיר, ליבער פריינד, דער יידישער שרייבער נויטיקט זיך אין פרייד, איצט מער ווי מען עס איז. ער זיצט אין התבודדות און וועבט מיט ציטערדיקע פינגער זיינע שורות. יידישע לייענער זיינען געבליבן אויף פאַנאַר און אין טרעבלינקע. יעדעס מאָל ווען דער יידישער שאַפער זעצט זיך פונדאַסניי צו זיין טיש, מאַכט אים דער טרויער נאָך זיינע פאַרשניטענע לעזער ציטערן זיין האַנט. דער יידישער שרייבער איז אין אַ באַזונדערער לאַגע, ער דאַרף גובר זיין ניט נאָר שעפערישע ספקות, נאָר אויך קעמפן קעגן דעם גורלדיקן צווייפל, וואָס פרעסט זיין געמיט — צי שרייבט ער ניט אין אַ פוסטן חלל?

און אָט קומט אַ ידיעה פון אַ נאָענט-וויטן לאַנד, אַז דאָרטיקע יידישע מענטשן האָבן ניט בלויז געלייענט, נאָר אויך אָפּגעשאַצט דיין שאַפונג, און אַרויסגעגעבן אַ פסק־דין לזכות, צולייגנדיק דערביי אַ שיינעם פרס. איז עס טאַקע אַ פרייד. און אויב איך האָב געקאַנט מיט מיין דערציילונג פאַרשאַפן נחת־רוח ניט בלויז די חברים פון דער זשורי, נאָר אַ ברייטערן קרייז יידיש־לייענער, איז מיין שמחה נאָך גרעסער.

גיט איבער מיינע האַרציקסטע גרוסן און דאַנק דער זשורי — די פריינד פרידלאַנד, זילבערצוויייג, ה. לאַנג און נח גאָלדבערג, פאַר צוטיילן מיר דעם כבוד. באַגריסט אויך אין מיין נאָמען דעם שותף צום יום־טוב — דעם פען־חבר מאַטעס דייטש. דערציילט אויך אַלע אַנוועזנדיקע אין זאַל, אַז עס זיצט אינעם היימלאַנד אַ שרייבער, וואָס מיט זיך צו צינדן אַ מינדסטן פלעמל פון דערמאָנונג אין יידישע הערצער, וואו נאָר זיי זאָלן ניט קלאַפּן. אַ דערמאָנונג אָן די, וואָס זיינען געבליבן אונטערן מעסער און ניט דערלעבט די גאולה. אויב די פרעמיע איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אויך אין זכות פון וועקן צו ניט פאַרגעסונג, איז מיין שכר נאָך גרעסער.

אייער,

**אברהם קאַרפּינאָוויטש** (תל־אביב)

---

## באַגריסונגס-רעדע פונעם דיכטער-עסייער מאַטעס דייטש

(עטלעכע אויסצוגן פון מאַטעס דייטש'ס באַגריסונג צום אָוונט ביים אויסטיילן די י. פרידלאַנד ליט.־פרעמיע פאַרן יאָר 1963)

חשובע קאָלעגן פון דער זשורי: זלמן זילבערצוויייג, הערי לאַנג, ב. גאָלדבערג און די הויפּט מחותנים, חבר און חברה י. פרידלאַנד, וואָס שטעלן אונדז צו דעם 4טן יום טוב פון דעם איינציק ליטעראַרישן מין ביי אונדז אין שטאָט לאָס אַנגעלעס.

איך דאַנק אייך, קאָלעגן שריפטשטעלער, פאַר צוטיילן מיר דעם פריז פאַר מיין עסיי: „יעקב גלאַטשטיין—דער ייד פון ליד," וואָס די י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פרעמיע טיילט אויס פאַרן יאָר 1963. איך גיב אויך דעם שענסטן דאַנק־הגדול צום שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר פונעם „חשבון", י. פרידלאַנד, פאַר זיין סטימולירן די שרייבערישע פאַטענץ.

— פאַרוואָס האָט איר עפּעס אַרויסגעגעבן בלויז איין עסיי אין אַ ביכל? — אַזוי פרעגט מיך אַ נאָענטער מענטש.

האָב איך אים געענטפערט:

ווייל איך האָב געזען אינעם וואָכיקן לעבן, ווען מע וואַשט אָפּ די פּאָדלאָגע, דעם דיל, פאַרשפּרייט מען אים מיט צייטונגען... אָבער מיט ביכער, דאַנקען גאָט, טוט מען עס דערווייל נאָך ניט. דעריבער האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אויב אפילו נאָר איין עסיי אָפּצודרוקן, איז עס מער געזיכערט אין טאָוולען (ווי דין זיי זאָלן ניט זיין) איידער אין צען ברייטע צייטונגען.

זאָל לעבן דאָס דין ביכעלע!

מיר ווילט זיך אָנרירן איצט אַ פּאַזע וואָס איז די סובסטאַנץ, די ממשות אין די וועלטן פון קונסט. דריי צי פיר וועלטן רייסן זיך פון מיין אַרומטראָגן זיי אין מיין דמיון; און מיין צוזאַמענלעבן זיך מיט זיי שעפעריש, אימפּולסיוו — בלב ונפש. טאָ זייט אַזוי גוט און ווערט צוגעגרייט דערפאַר מיט אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט אין זיך, כדי איר זאָלט עס באַנעמען פּונקט ווי סע וואָלט געווען אייערס אַן אייגענע דערפאַרונג. אַ וועלט וואָס רייסט פאַרלאַנגען פון אייך אויך.

אין דער וועלט פון קונסטן הערשט אַ פייער, אַ מיסטעריעזער פלאַם! אַן אַטאָם אַזאַ, וואָס אין אים איז פאַרבאָרגן דער עלעקטראָן — שאַפן; פּונקט ווי דער נשמה־פלאַם אינעם מענטשן.

דעם מוזיקערס וועלט איז דאָס פייער פון קלאַנג, פונעם טאָן — וויבראַציע.

דעם מאָלערס — דאָס פייער פון פאַרב, קאָליר; ליכט און שאָטן.

דעם פּאָעטס וועלט איז דאָס פייער פון וואָרט, אידיאָם אין אַלע מעגלעכע ניואַנסן און דימענסיעס.

איך בין אַריין אין דער פייערדיקער וועלט פון יעקב גלאַטשטיינס שאַפן; ספּעציעל די „שטראַלנדיקע יידן"; און וואָס האָב איך דערזען אַממערסטן?

דאָס פייער פון ייד! דאָס פייער פון ליד! דאָס פייער פון וואָרט: דאָס פייער פון יידיאָמאַטיש יידיש־לשון! דאָס פייער — פּאָעזיע!

און נאָך עפּעס האָב איך דערזען ביי יעקב גלאַטשטיין: דאָס פייער פון דער גרעסטער ליכטיקייט; דאָס פייער פונעם יידיש־פּאָעטישן דענקען; די יידישע מחשבה וואָס איז קודש קדשים איינגעוויקלט אין די ספּעציפישע יידישע פייערן!

האָב איך צוזאַמען מיט אים געטראַכט יידישדיק אָט אַזוי:

מחשבה איז איבעראַל, פון פריער, פון איצט און פון שפּעטער. זי איז יידישע אייביקייט! מחשבה איז דער מענטש!

און ווי זעלטענע וואונדער זיינען די אַטריבוטן וואָס דער ייד האָט געטראַכט דורך זיי און אין זיי, ווען ער האָט זיין מחשבה אָנגעקניפּט אין דער שותפות פון אייביקן שאַפן, וואָס איז כמו ווי דאָס באַשאַפענע פון גאָט, וואָס באַר ער אַליין איז היה־הוה־ויהיה!

דעריבער טאַקע, שטאַרקן זיך אַלע קינסטלער אין זייער שעפערישער מי. אָט די בלויזע אידייע פאַרקערפּערן אין אַ ממשודיקן יש, אין אַ קאָנקרעטן צלם; זיי גיבן איר געשטאַלטיקייט לויט זייער פאַנטאַזיע און אייגנאַרטיקן מאָדוס — יחידותדיקן אופן.

צי האָט דען גאָט ניט באַשאַפן די וועלט פון אַ יש מאַין? אַ מחשבה גמורה?

אַט די מיסטעריע באַוועלטיקט די קינסטלער פון אַלע דורות, זינט די קדמונים, די פרימיטיוויסטע און סיי די ראַפינירסטע, אינטעלעקטועלע — ביי אַלע מערקט זיך די פאַרשיידענע גראַדן פונעם קלעטערן שטופנוויס צו די העכסטע מדרגות. ס'איז אַן אָן אָפּשטעל.

ס'איז דער פריער, דער איצט, דער שפּעטער — די אייביקייט צוזאַמען מיטן יחיד־מענטש.

אַזוי שטעלט מיט זיך פאָר דאָס פייער פון דער קונסט־אייביקייט.

נעמט, למשל, די קונסט פון טאַנצן און איר וועט גלייך דערזען אַז דאָס איז אַ וועלט פון פייער. און זי איז עס טאַקע בפירוש. ווייל גראד דאָס וואָס דער קיום פון טאַנץ איז בלויז צייט־מאָמענטום, איז ער אויך אין עצם, די וועלט פון פייער.

דאָס פייער פון מענטשנס גלידער; דאָס פייער פון מענטשנס קערפער.

אַזוי־נאָך איז די מיסטעריע פון אַלבאַשאַף. און פונקט אַזוי, ניט אַנדערש, איז די מיסטעריע פון דער קונסט.

זי איז די בריק אינעם לעבן וואָס פירט אַריבער צו דער מעטאַמאָרפאָזע אין כלערליי גיגולים, ביז צו דער אומשטערבלעכער רוחניות.

בעסער וואָלט דאָס לעבן זיך אינגאַנצן נישט באַוויזן; זיך גאָר נישט אָנגעהויבן — דאָס מענטשלעכע בפרט. עס וואָלט דאַן פאַרשפּאַרט דורכמאַכן דעם סוף פונעם לעבן. אָבער צוריקגעקלערט... אַן דעם לעבן וואָלטן מיר דאָך ניט מסוגל געווען צו וויסן פון גוטס, פון שלעכטס; נישט באַנומען דעם באַגריף — ווייטיק און צער, וואָס דאָס סאַמע לעבן אַליין ברענגט מיט זיך אין זיין לעצטן סך־הכל — טויט . . .

פונקט אַזוי־אַ איז די מיסטעריע קונסט.

אָן אירע שווערע ווייטיקן קען זי נישט באַנומען ווערן פון קיינעם נישט, אַ חוץ דעם שאַפער וואָס קוועלט אין איר יום־ולילה, און זי ווערט ביי אים — וועדליג זיין גייסטיקער פּראָדוקט ליפערט זי מאַיאָרנע ווי נאָר דער מענטש וואָס איז פול מיט דער מיסטעריע — לעבן.

אַט־די נעמלעכע מיסטעריע לעבט אין וואָרט, אין ליד, אין דער פּאָעזיע וואָס גייט־אויף אין דער יידישער מחשבה; געפינט זיך און לעבט־אויף אין יעקב גלאַטשטיינס „שטראַלנדיקע יידן".

ווייל ער איז דער ייד פון ליד.

---

## י. פרידלאַנד ליטעראַטור-פאָנד:

אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג און בעסטע וואונטשן צו די געווינער פון דער פרידלאַנד ליטעראַטור פּרעמיע, מאַטעס דייטש און א. קאַרפּינאָוויטש. אונדזער אָנערקענונג צו די צוויי פאַרדינסטפולע יידישע שריפטשטעלער, צו דער געלעגנהייט ווען איר גיט זיי אָפּ דעם כבוד.

## יידישער קולטור קאָנגרעס:

יעקב פּאַט, ל. סיגאַל, טאַבאַטשינסקי און חיים בעז

## באַגריסונגען פון קאָלעגן שרייבער און קולטור-טוער צום צענטן יובל פון „חשבון“

## יידישער פ.ע.נ. קלוב

(וועלט-צענטער אין ניו-יאָרק)

פרידלאַנד ליטעראַטור-פאָנד

חשובע פריינד:

דער יידישער פע״נ-צענטער אין ניו-יאָרק שיקט אייך אַ האַרציקע באַגריסונג צו דער פייערונג, וואָס איר פירט דורך אויסצוטיילן די פערטע ליטעראַטור-פרעמיע פון דעם פרידלאַנד ליטעראַטור-פאָנד.

מיר באַגריסן די קאָלעגן שרייבער, דעם דיכטער-עסייאיסט, מאַטעס דייטש, און דעם דערציילער, א. קאַרפּינאָוויטש, וואָס האָבן דעם כבוד צו קריגן די פרעמיעס דאָס היינטיקע יאָר.

באַזונדערס באַגריסן מיר קאָלעגע י. פרידלאַנד פאַר דעם וויכטיקן אויפטו, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם ליטעראַטור-פאָנד אויפצוהויבן די חשיבות פון אונדזער ליטעראַטור.

מיט קאָלעגיאַלן גרוס,

א. גלאַנץ-לעיעלעס, פּרעזידענט
ד״ר עזריאל נאַקס, וויצע-פּרעזידענט
ש. אַפּטער, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר

## צען שורות צום צענטן יובל פון „חשבון“

ליבע עקשנים אין וויטן פּאַסיפיק!
דערלויבט מיר מיט גראַמען אַביסעלע שטיפיק,
אייך שיקן אַ ברכה צום יובל דעם צענטן:
עס זאָל זיך פאַרמערן די צאָל אַבאָנענטן
פון „חשבון“, וואָס האָט אין דער שטאָט פון מלאכים
באַוויזן, וואָס ס'האָט נאָך ביז איצט ניט קיין חכם,
די חכמה — דאָרט יידישע מענטשן געפינען,
וואָס העלפן די יידישע שרייבער דאָרט שפינען
דעם דרייאיקן פאָדעם פון המשך באַשערטן,
וואָס ליכטיקט מיט כבוד פון יידישע ווערטן.

**אלף כ״ץ**

## די נאָוועלע „אין טעג פון געראַנגל“ פון י. פרידלאַנד

ווערט איצט געדרוקט אין המשכים אין דער פּאָפּולערער טאָג-צייטונג, דער „קענעדער אָדלער“.

אַגב, ס'איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון בוך: „אין טעג פון גערונגל“. איר קענט זיך ווענדן דירעקט צום מחבר, י. פרידלאַנד, אויפן אַדרעס פון דער רעדאַקציע: 4375 סאָנסעט דרייוו, לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

חשובער פריינד פרידלאַנד:

ביי דעם הייִנטיקן מצב פון יידיש און אין דעם ניט־צו־וואַרימען קלימאַט אויף דער יידישער גאַס, איז עס אַ פּריווילעגיע צו באַגריסן אַ זשורנאַל אויף יידיש, וואָס גייט שוין אַרויס צען יאָר אָן אָפּשטעל, און אויסדריקן אַ וואַרימען יישר־כוח צו זיין עקשן, דעם רעדאַקטאָר, וואָס הלוואַי אַ סך אַזעלכע אידעאַליס־טישע עקשנים.

צו זיין אַ ייד איז, ווי מיר ווייסן, שווער. צו זיין נאָך צו דעם אַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַ יידישן זשורנאַל, איז צוויי מאָל שווער. אָבער אין דער שווערקייט אַליין ליגט די באַפרידיקונג.

ווינטש איך אייך נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן און אַ סך פריידן סיי אין אייער ליטעראַרישן און סיי אין אייער פּערזענלעכן לעבן.

מיט די וואַרימסטע גרוסן — אייער,

**אהרן ניסענזאָן**

---

חשובער פריינד און רעדאַקטאָר, י. פרידלאַנד:

איך ווינטש אייך כל־טוב און די בעסטע ברכות צום צענטן יובל־יאָר פון דער שריפט „חשבון".

אייער, מיט כבוד און חברשאַפט

**משה עטינגער**

---

זח"פ י. פרידלאַנד:

איך האָב נאָר־וואָס פאַרענדיקט לייענען אייער בוך „אין טעג פון געראַנגל", וואָס האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט די לעצטע צייט. איך בין שטאַרק צופרידן פאַר דער מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אייערע דערציילונגען.

דער בעסטער סימן אַז אַ בוך איז גוט אָנגעשריבן, קינסטלעריש דערהויבן, איז, ווען מ'זעט, אַז דאָס ווערק האַלט דעם לייענער, פירט אים אַריין אין אַן אַנדער עולם, ער ווערט פאַרטאָן מיט די העלדן... און אייער ווערק האָט דאָס באַוויזן. געגאַנגען מיט אייער יואלקען ביזן געזעגענען זיך מיט אים, אויף אַמעריקאַנער יבשה.

דאָס איז דער זכות־הקיום פאַר אַ קינסטלעריש ווערק; אַ סימן מובהק פון קינסטלערישער דערגרייכונג. דערמיט איז אייער נאָוועלע און די אַנדערע דער־ציילונגען אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער יידישער בעלעטריסטיק און פּראָזע.

מיין וואונטש: איר זאָלט ממשיך זיין מיט באַרייכערן די שעפערישקייט פון יידיש־ליטעראַרישן וואָרט און מיר זאָלן האָבן פון אייך נאָך אַ צאָל אַזעלכע ווערק.

אייער—

**נ. שמן**

(טאָראָנטאָ, קאַנאַדע)

---

## יידישער לייענער!

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון"—די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.

# באַגריסונגען צום צענטן יובל־יאָר פון זשורנאַל „חשבון"

פרויען לייען־קרייזן קאונסיל
באַגריסן צען יאָר „חשבון"

---

**ה. לייוויק לייען־קרייז**
באַגריסט דעם „חשבון" צום 10טן יובל
חברה פּאָגאָרעלסקי, סעקר.

---

**דאָלניק לייען־קרייז**
באַגריסט דעם „חשבון"
חברה ראָזענבערג

---

**באָראָכאָוו־פּינסקי צווייג 122**
יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד באַגריסט דעם צענטן יובל־יאָר פון „חשבון".
**מ. האָפמאַן,** סעקרעטאַר

---

חשובער פריינד פרידלאַנד:
נעמט צו אונדזער באַשיידענעם בייטראַג צום „חשבון" פון דעם
**אַרב. רינג פרויען לייען־קרייז**
מערי א. מארער, סעקרעטאַר

---

**רינגלבלום לייען־קרייז**
באַגריסט דעם „חשבון" צו זיין צענטן יובל־יאָר און ווינטשט דעם זשורנאַל גרויס דערפאָלג.
אדערבערג, סעקרעטאַר

---

**ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז**
באַגריסט דעם „חשבון" צו זיין צענטן יובל־יאָר און ווינטשט דעם רעדאַקטאָר און די מיטאַרבעטער אַ סך שעפערישע יאָרן מיט גרויס דערפאָלג.
גאָסי סארטא, סעקרעטאַר

---

**חיים גאָלדבלום לייען־קרייז**
באַגריסט דעם „חשבון" צום צענטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ.
מיט גרוס,
חייקע באַנק, סעקרעטאַר

---

**פּרץ הירשביין צווייג**
יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד באַגריסט דעם „חשבון" צו זיין צענטן יובל־יאָר.
זייט ממשיך דאָס יידיש געדרוקטע וואָרט. תחזקנה ידיכם!
יצחק ניומאַן, סעקרעטאַר
מאָריס דייטש, פּאָרזיצער

---

חשובער דיכטער מאָטעס דייטש, סעקרעטאַר:
מיר באַגריסן דעם „חשבון" צו זיין 10 יאָריקן יובל; דער רעדאַקציע און די מיטאַרבעטער פון „חשבון".
מיר ווינטשן אייך דערפאָלג אין די קומענדע יאָרן.

**שלום עליכם חברותא**
אין די „בעי סיטיס"
י. גינזבורג, פאָרזיצער
סאָגאָלאָוו, סעקרעטאַר
ק. אייזן, קאַסירער

---

נעמט אָן אונדזערע האַרציקע ברכות אָנצוהאַלטן אייער עקשנות נאָך פאַר אַ סך יאָרן.
מיט וואַרעמע גרוסן,
**מאיר און פעני האָפשטיין**

---

ביילִיגנד געפינט אונדזער יערלעכן בייטראַג פון

**יהואַש לייען־קרייז**
מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך גוטע, געזונטע יאָרן אָנצוגיין מיט אייער שעפערישער אַרבעט פאַר אונדזער ליטעראַטור.
מיט גרוס,
פערל טעמפּער, קאַסירערין
חיה ניומאַן, סעקרעטאַר

# ליטעראַרישע שבת-צו-נאַכטסן אין ל. א. יידישן קולטור קלוב

שבת אָונט, יאַנואַר 4טן, 1964—קבלת־פּנים לכבוד דעם בינע־קינסטלער א. טענעהאָלץ, צו זיין צוריקקער פון ישראל.

שבת אָונט, יאַנואַר 11—אברהם ליעסין געדענק־אָונט. אליעזר דאַרין רעפע־ראַנט. מלכה שאָו, געזאַנג, אין ליעסינס לידער.

שבת אָונט, יאַנואַר 18—חיים שויס געדענק־אָונט. באַטייליקטע: ה. לאַנג, עמוס שויס, ש. קעלעמער, רחל דייטש; סאָפּיאַן, פּאַרזיצער.

שבת אָונט, יאַנואַר 25—אויסטיילונג פון די 4טע ליטעראַטור פּרעמיעס פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד.

שבת אָונט, פעברואַר 1—חודש פון יידישער מוזיק; מאַרטאַ צייטלין, געזאַנג־נומערן; מ. מייסאָן, רעציטאַציעס.

שבת אָונט, פעברואַר 8—מאַני לייב געדענק אָונט. מלכה טוזמאַן האָט רעפע־רירט; שמואל קעלעמער, געזאַנג פון מאַני לייבס לידער.

שבת, פעברואַר 15—ד״ר חיים ראַטבלאַט רעפעראַט: „די קבוצה אין דער ליטע־ראַטור.״ פּיאַנאָ נומערן פון קושעראָוו.

שבת, דעם 22טן פעברואַר — פּורים אָונט. רבי ראָט וועגן יום־טוב פּורים. א. טענענהאָלץ מיט פאָרלייענונגען.

שבת אָונט, פעברואַר 28 — איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קבלת־פּנים לכבוד דעם שריפטשטעלער אברהם שולמאַן. דער גאַסט האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור.״

חזן נתן קאַצמאַן האָט פאָרגעטראָגן געזאַנג און אברהם זיגלבוים האָט רעצי־טירט פון איציק מאַנגערן. י. פרידלאַנד האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

---

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

מיינע האַרציקע ברכות צום צענ־יאָריקן יובל פון דער פּערטל־יאָר שריפט „חשבון", וואָס דערשיינט רעגלמעסיק אין דער זוניקער קאַלי־פאָרניע, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם נאָווליסט און קולטור־עסקן, יצחק פרידלאַנד.

צען יאָר „חשבון" מיינט צען יאָר קולטור־שליחות, וואָס ווי אַ ריזלדיקער טייך פאַראייניקט זיך עס מיט דעם גרויסן ים, וואָס רופט זיך: די אַל־וועלטלעכע יידישע ליטעראַטור.

זאָלן געשטאַרקט זיין די הענט וואָס טראָגן צו ציגל צום בנין וואָס רופט זיך „ח ש ב ו ן."

אייער,

**לוי גאָלדבערג**

חשובער פריינד, י. פרידלאַנד:

איך באַגריס דעם זשורנאַל „חשבון" צו זיין צענטן יובל־יאָר. עס איז באמת אַ פרייד צו וויסן, אַז אין לויף פון די לעצטע צען יאָר האָט זיך דער „חשבון" עטאַבלירט, ווי אַ וויכטיקע יידיש־פעסטונג ביים ווייטן פּאַסיפישן ברעג.

איך ווינטש דעם רעדאַקטאָר און זיינע מיטאַרבעטער נאָך לאַנגע שעפע־רישע יאָרן ווייטער צו שטיין אויף דער וואַך פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט די בעסטער ברכות,

**לייב פיינבערג**

באַגריסונג פון

**ל. א. יידיש קולטור ווינקל**

## באַגריסונגען פון פריינד און שטיצער פון „חשבון"

פייגעלע און יוסף פּאַניטץ
סאָפיע און הערי שטערנפעלד
חבר יעקב קאַטץ
פעי און יצחק סאָפּיאַן
יעטאַ און ז. בונין
מוסי און י. פרידלאַנד
מרים און לייזער מעלצער
ציליע און שלמה צוקערמאַן
פעני און פינטשע בערמאַן
עלען און א. כראַבלאָוו
ליובע און א. באַביטש
חבר אַלף כ״ץ (ניו־יאָרק)
יעקב פענטעל
סערגעי בוטקעוויטש
פינחס ראַפּאַפּאָרט
מאיר און פעני האָפּשטיין
חברה אַנאַ סאַלאָוו
חבר לואיס שקאָלניק
פעני און י. איזגור
פערל און חיים אָסטראָווסקי
סיידי פינקלשטיין
גאָסי און אַהרן אייעראָף
ד״ר קאַרל שוגאַר
חבר ווילי שאָר
שפרה און אַלעק ראַבין
חיים באַרקאַן
סאָול אַדעס
ראָוז און ל. זעלמאַן
חבר און חברה אַדערבערג
גאָלדע און מאיר דראָוד
חבר ישעיה שעכאַטאָוו
חברה ליליען האַמער
לאה און בת גאָלדבערג
לוי גאָלדבערג
יעקב שמואל טאָביס
חבר און חברה פינקעל
חבר משה צוקער
חבר און חבר ל. אַבראַמסאָן
חבר בען פיינבערג

חבר דזשאָו פּאָול
חבר ג. שמן
שרה און חיים דאָרנאָ
חברה דזשעני שער
חבר משה עטינגער
חברה רחל הויזנער
באַשקע און מאָטעס דייטש
פעסי פּאָמעראַנץ
קלאַראַ סילווער
מאָריס מייער
ד״ר יצחק קוזמינסקי
מוישל וויינבערג
מאַניע און בען סאָפּקין
חבר און חברה וויינראָט
חבר און חברה דענזינגער
חבר און חברה דזשעק קאַהאַן
חברה אסתר מערליס
חבר באַרקון
אַ פריינד
אַליאַ זינגער
אסתר שפּאַנקע
רעגינאַ און ה. גאָלדראַט
נתן פּאָדעמבערג
חבר און חברה לואיס גאָלד
חבר ה. רייבער
חיה און יצחק ניומאַן
שרה און עקיבא בערמאַן
חיים ליעסין
ישראל גובקין
חוה און מנחם קאָרסאָן
לאָטי מלאך און מ. קרעמער
וולאַדימיר גראָסמאַן (זשענעווא)
מאָטל רייכמאַן
ראָוז סלאָבאָדקין
דוד ראַפּאַפּאָרט
גדליה שערמאַן
מרים הוירשבערג
עלי שוואַרץ (ראָטשעסטער)
שמעון וואוזיק (ראָטשעסטער)

---

## אויפמערקזאַם!

מחמת טעכנישע סיבות, האָבן ניט געקענט אַריין אין דעם נומער די פּאָל־געגדע שרייבער מיט זייערע שאַפונגען: לאָטי מלאך, דוד ראַפּאַפּאָרט, שמעון וואוזיק, און דער רובריק „נייע ביכער און זשורנאַלן." (רעד.)